STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03151

YIDISH LID

Jesia Yerusalimsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ישעיה יערושאַלימסקי

יידיש ליד

לידער און פּאָעמען

ישעיה יערושאלימסקי

יידיש ליד

לידער און פאעמען

פארלאג "ירושלמי", ברוקלין, נ.י.

1951

YIDDISH LIED

Poems
by

J. JERUSALIMSKY

(S. Jerome)

Copyright 1951 by

S. Jerome

1214 Union St., Brooklyn, N.Y.

מאלטאליט אין "ירושלמי" פרעס
1214 יוניאן סט. ברוקלין 25, נ.י.
סלאקום 6-6923

מדינת ישראל -

מיטן גאנצן הארץ

און מיט דער גאנצער

נשמה

פון זעלבן מחבר:

" די עטישע לערע פון די תנאים"
פארלאג "די פעדער" ניו יארק.
תש"ז

"פענצטער אין הימל" לידער און פאעמען
פארלאג "ירושלמי" ברוקלין, ניו יארק
1950

ערשטער טייל

מיט זיין ווילן

צו מיין ליד

יידיש ליד מיינס, זאפט פון מיין נשמה!
קוק מיט חשד אויפן שיינעם וואָרט צי ס'איז
ניט בלוט־אָרים;
הויב דיינע תבואה־געדאַנקען אין די הייכן
פאַר אַ תרומה –
וואָלקנס אַן רעגן ברענגען קיין שפע ניט –
נאָר יסורים.

לויכט פאַר אַלעמען, נאָר אַליין גיי אויס
בשתיקה
פאַר יעדן יחיד, פאַר יעדער מיניאַטור־וועלט;
באַהעפט דיין קאָפּ צום האַרצן מיט אַ קנופּ
פון יניקה,
און אַרוםביידן, דער חזיון, ווי אַ וואַסער־
גראָבן אַרום אַ פעלד.

דיין לעכצן און דיין גאַרן מיט באַשיידנקייט
באַהן,
ניט פאַרשיכור זיך אין דעם ברוויז און יובל
פון קריג;
באַזינג דעם אמת, מיט נצחון אים באַקרוין,
ליד מיינס, פראַג הויך אונדזער שותּפותדיק
גליק!

דיין ווארט זאל זיך ניט געפינען אין סתירה
מיט דיין גלויבן,
נאר אונטער דער שליטה פון געזעצן, וואס זיינען
איבער דער נאטור;
פלאנטערסט זיך אינם לאבירינט פון ספקות, קוק
ארויף אויבן,
צו קבלת אבות, א ירושה פון דור צו דור.

באטראכט די אנגעזאמלטע כוחות, וואס לעבן אינעם
לבוש פון דער מסורה,
די גרויסע באפעלנדיקע קראפט, וואס קרוינט
פאר א מלך דעם ייד;
לייז זיך אויס פון ספקות און קריג א פעסטע
זיכערקייט אינעם בורא —
צו דער העכסטער מדרגה פון שלימות, שטרעב
מיין ליד!

נעם דיין אנגעצייכנטן איינטייל אינעם תיקון
פון דער וועלט:
פארגרעסער גאטס ליכט, באלויכט עס,
באגלאנץ;
פיר זיך נאכן מוסטער פון אויבן ארויסגעשטעלט:
אויף דער ערדישער וועלט — א הימלישע וועלט
פארפלאנץ!

שמור וזכור! ניט פארליר דעם זכרון!
ניט העלפן דיר וועט דאס קלאגן, די זויערע
מינע;
אפ׳זמרן א "נעריצך" וועסטו אלע דיינע
יארן,
און קיינמאל ניט זוכה זיין צו גילוי־
שכינה.

ניט פאל ביי זיך אראפ וואס די לויזע
צינגער סודען זיך שטיל:
" דאס יידיש־ליד האט ווידער אנגעהויבן
די ארבעס איבערקלייבן!"...
זיי קלאמערן זיך אין דער מלאכת־הקודש,
נאר מיט קנאפן אחריות־געפיל,
ענטפער יידישלעך: איך בין א יידיש ליד,
א יידיש ליד וועל איך בלייבן!

דער בעסטער געשאַנק

הלשון הוא קולמוס הלב.
(חובת הלבבות,שער הענוה)

ס'האָט מיין וואָרט די ערלה פון זיך
אָפּגעשווּנדן,
זיך דורכגעבראָכט אין קאַלכאָויוון פון
גלויבן;
אויב עס האָט זיך צו די הימלען ניט
דערהויבן,
האָט עס זיך מיטן טאָטנס וואָרט געוווּס
פאַרבונדן.

זיך געהייליקט האָט אויך זיין געצעלט –
מיין מויל,
אויב ניט צו יום־טוב קדושה, איז צו ראש־
חודש;
עס גרענעצט זיך טאַקע ניט מיט די אוהלי־
קודש,
עס איז אָבער אויך ווייט פון די אוהלי־
חול.

מיין געדאַנק האָט צו העכערס געגומען
שטרעבן,
אריינגעבראַכט זיך בברית־אַברהם, אַליין,
אָן א מוהל;
אויב עס האָט זיך ניט דורכגעפירט מכוח
אל הפועל,
האָט עס אָבער פאַרמיאוסט מיר דאָס חומרשע
לעבן.

דו-דו-דו!

ביסט אימאנענט
און אויך טראנסצענדענט,
דער יסוד
און אויך די פיר ווענט.
ווארצלסט טיף אין דער וועלט,
און אויך אויסער איר פעסטגעשטעלט.
פינצטערניש און ליכט
איז ניט אפגעטיילט פון דיין געזיכט.
בלייבסט אין אייביקייט –
די איין־און־איינציקייט,
דער יחיד ומיוחד,
דער אחד!
דיין מעשה־בראשית –
צוליב תכלית:
די קרוין־יצירה
זאל דורך פרייער בחירה
מתקן זיין די ציטערדיקע דירה.
מיט דיין רצון
די וועלט באפוצן,
באהימלען די ערדישע וועלט
ווי דו האסט איר אין דיין מחשבה
אויסגעשטעלט:
באקליידן דעם "נעשה"
אין מחשבה, דבור ומעשה.
בן־כח־וכה –
ווערן וועלן דיינע וועלטן צוויי,
דער דא און דער דארט –
הקדמה און סוף ווארט...

עס טרעפט אמאל

(אי ספרא לאו סייפא,
ואי סייפא לאו ספרא.
ע"ז, י"ב)

עס טרעפט אמאל: טרעטס אויף דער ערד,
נאר דיין נשמה איז מער ניט דאיק;
עס איז פון די הימלען דיר באשערט
זיך וויגן אין די רוימען אויף משקולת־שטריק.

דער דא ווארפט דיין גוף אהין־אהער,
ער קאן קיין פרעמדע ניט פארליידן;
עס מישט פון ווייטאג זיך אויס דיין טרער
מיט די פון הוילע נשמה־פריידן.

א שארפער מעסער טוט אין רוים א בלענד,
איבערגעשניטן איז די מי פונעם שטריקער;
טוסט א פאל, ברעכסט רוק און לענד,
דער ווייטאג איז אינגאנצן שוין א דאיקער.

טרייסלסט אפ זיך פון ערד און שטויב,
דער אינגעווייד אין דיר טוט אלץ נאך ברומען;
הויבסט ארויף דיינע אויגן אין לויב,
דעם ניט דאיקן טעם טראגסטו אויף דיין גומען.

מישט זיך אויס מיט גאס און מארק,
דיינע פיס אויף דער ערד ווידער טרעטן;
טראגסט דעם דא־עול פארווארפן אויפן קארק,
נאר עס קומט ארויס ווי דו זאלסט פון אים
שפעטן...

א נאכט אין צפת

מיט א בענקענדיקן בליק
וואס וואנדערט צום הימל און צוריק,
שפאנט דער טרוימער פון קץ,
אליהו בן משה דע ווידאש,
איבער די ענגע און שמאלע געסלעך
פון צפת.
און ווי דער זעער
אונטערגעהויבן וואלט דעם שלייער
פון דער זיבעטער ספירה –
פון הוד'ס געזיכט –
טוט א פלייץ מיט אן אומענדלעך ליכט.
אלץ, אויף וואס דאס אויג נאר פאלט,
נעמט אן א פאנטאסטיש-לעגענדאריש געשטאלט.
און ווי דורך דער מימרא פון צור־שדי,
דער דומם ווערט פארוואנדלט אין א נפש־חי,
מיט א פילפארביקן טעפעך באהאנגען.
גראע חורבה-ווענט,
ווערן הללויה־הענט,
וואס שטרעקן זיך אין שירה־געזאנגען,
און ווערן באגלייט
פון הארף און פלייט.
איינגעבויגענע דאך-באלקאנען,
ווערן קעניגלעכע טראנען,
שטעלן זיך אויס אין א לאנגער ריי;
מלכים קריכן פונעם תנ"ך ארויס
און זעצן זיך אויס אויף זיי.

אט איז שאול בן קיש, די הענט לאנג און דארע,
אין די אויגן ־ א דריי־יאריקע כמארע.
איש בושת, זיין זון, ווי א שאטן,
גייט נאך דעם טאטן.
מנשה בן חזקיהו,
פקח בן רמליהו,
ער זיצט לעבן זיין שונא, הושע בן אלה,
און מורמלט: "נו, מילא!"
א גאנצע שערענגע!
און צווישן דער מענגע,
דוד בן ישי,
מלך ישראל חי!
דער אין גאט דערפרייטער מלך:
"שמחתי, באומרים לי: בית ד" נלך!"
א כנופיא געלייטערטע נשמות אויף הימל־טרעפ,
האלטן אונטער דעם פורפור פלאמען־שלעפ,
פון די אופנים און חיות־הקודש,
וואס גיין ווי אין אנהויב חודש
הערן, ווי מען גיט דעם זייגלינג א נאמען,
און ענטפערן נאכן "יחדשהו" אמן!
די זילבער לבנה, אין הימל,
איז אין מעשה מרכבה פארטיפט,
און שרייבט אויף תכלת־בלוי,
אין א געהיימער שריפט.
שטערנדלעך און וואלקנזוימלעך ווערן ענג
געשלאסן ־
א עפאפייע ווערט אין חצות אויסגעגאסן!

אויפן טרוימערס הייסן גומען
נעמט זיך פורעמען פארן גואל א לויב־נאמען.
א שרף טוט זיין ליפ מיטן שפיץ פליגל
א ברען,
דע ווידאש ווערט א טייל פון דעם
וואס ער האט געזען.

צידה-לדרך...

ווען דער טויט האט פארן הויז אפגעשטעלט
די פערד,
מיט א האסטיקן צי פון די פייערדיקע לייצעס,
אויפגעהויבן האט דער טאטע א קלומיק פון
דער ערד,
און פארלייגט אים אויף זיינע ברייטע פלייצעס.

וואס איז דארט אין קלומיק אזעלכעס געלעגן,
אז קרעכצן זאל נעמען פלוצלינג דער וואגן? –
קיין זאך וואס צום מעסטן אדער צום וועגן:
די "גוטמארגנס" וואס ער פלעגט יעדן
אונטערטראגן.

ווען דער מלאך הדומה איז אראפ פון הימל,
דעם טאטן אין קבר פון שלאף צו וועקן,
ארייגעשטעקט האט ער אין לאץ זיך א בלימל,
און געלאזן אין א ווינקל זיין סוקעוואטן
שטעקן.

מיט וואס־זשע האט דער מלאך אויפן קבר דאס
געשלאגן,
אז איבערן גאנצן בית-עלמין זאל זיך א עכא
צעטראגן? –
געטאן האט ער ביים טאטן זיין שטעקן אויסבארגן –
און אויפגעוועקט דעם טאטן מיט א ברייטן:
"גוטמארגן!"

מכל מלמדי...

פון וואנען נעמט זיך צו מיר דער געפיל פון חרטה,
איך זאל וועלן פארבייטן דאס רעקל אויף דער קאפאטע,
און א זאג טאן אזוי האסטיק, אן א הקדמה"
דאס רעקל, דאס קורצע, איז טמא, איז טמא?!

פארוואס האב איך דערפיל די רו פון הייליקן שבת,
ווען אריינגעשטעקט כ'האב די פיס אין טאטנס שקראבעס,
און כ'זאל זאגן: אז כ'וועל די לאקירטע שיך צעפליקן,
וועט מיין בלוטנדיקע נשמה קריגן איר תיקון?!

ניין, דער טאטע איז אין חלום צו מיר ניט געקומען,
דער זיידע האט אין שלאף מיך ווארגן ניט גענומען,
אויך אין מיין גוף בין איך חלילה ניט קראנק,
און א רוח-שטות באוועלטיקט ניט מיין געדאנק.

עשו, עשו, ער איז די סיבה פון מיין זיך בייטן,
מיטן אויסשיסן די פיר פיילן אין אלע פיר זייטן:

דעם יידנס לעבן האט קיין ממשות, א ליידיקער
שאטן,
שטעלסט ארויף א פוס אויף אים, און ער איז
צעטראטן.

ווארף אן אויף אים א מורא, שרעק און פאניק,
שטעל אויף גאז־אויוונס, טרעבלינקע,מײדאנעק;
ניט טו מיטן אויג א פינטל, ניט פרעג ביז
וואנען?
ווער ניט מיד די טויטע ציילן, צייל אין די
מיליאנען!

עשו, עשו, מיט זיין "אין שוה להניחם" דרשה,
אויסגעצירט האט מיך אין דער אלטער הלבשה!

איך גיי ארום ווי צומישט

איך קום ארויס פון אטלעסענע קאפאטעס,
און ספרים געלבע, מיט האר פון בערד,
פון זיידע־טאטעס,
און גארטלען שווער אויף דער האנט,
און "שויתים" אויף יעדער מזרח־וואנט.
איך קום ארויס פון א הויז וואו תורה
איז געווען די בעסטע סחורה,
און ביז מיין חופה־יאר,
פון קאיאר
ביז "שמע" לייענען,
האט די תורה צו מיר געשמייכלט
מיט טויזנט חנען —
וואלט א ייד ווי איך באדארפט דאנקען
און לויבן
דעם, וואס זיצט אויבן —
גיי איך גאר ארום א לעבן לאנג,
ווי איך וואלט עפעס געזוכט.
אויף דער צונג ליגט נאך דער טעם
פון דער תורה,
וואס זי האט פארזוכט,
איידער דער מלאך האט א שנעל געטאן מיר
אויף דער אויבערשטער ליפ.
אט א דער לייכטער באריר טוט מיר וויי,
ביז אין דער זיבעטער ריפ.
איך גיי ארום ווי צומישט,
פון יענער תורה כ'געדענק גארנישט.

איך פיל נאר אין מיינע אברים אלע
די וועלטן וואס מ'האט מיר דאן אנטפלעקט,
איצט ליגן זיי ווי מתים,
מיט שווארצן איבערגעדעקט.
פון זייער פרוכט טו איך מער ניט עסן,
נאר זייער זיסן טעם וועל איך קיינמאל מער
ניט פארגעסן,
און נאכגיין וועט ער מיר מיין גאנץ לעבן,
ביז דער טויט וועט מיר מיינע בארויבטע וועלטן
צוריקגעבן.
צי וועל איך דאן פון זיי הנאה האבן
ווי איך וואלט איצט געהאט —
ווייסט איין גאט!
שפיל איך זיך מיט עופעלעך, ערשט געבוירן,
וואס פריש איז זיי נאך דער טעם פון דער תורה,
וואס זיי האבן, ווי איך, פארלוירן.
און נאך יעדן קינדערישן טיא-טיא!
עפן איך א מויל: אה!
אפשר א ינוקא?! —
נאר באלד לאז איך ארונטער די אויגן,
ווי איך וואלט עפעס געזוכט,
און אין מויל גייט אויף דער טעם
פון זיסער פרוכט...

מיין איינציקער

איך האב ליב דעם פארליבטן
און דעם ברודער-פאעט –
זייער פאנטאזיע
פון דער נשמה ארויס רעדט.
איך האב ליב די ברייטע בריק,
זיך אנשפארן אויף אירע פארענטשן,
איך קען ניט אפרייסן מיין בליק,
פון אלע קינדער-מענטשן.
איך האב ליב צו קוקן אויפן געפלעכט
פון צווייגן,
אריינגראבן מיין בליק אין אים –
און שווייגן.
איך האב ליב צו גיין אליין אין וועג,
און זיך צוהערן צו דער פאטהעטישער שרעק.
זיצן אין דער שטילקייט, ביים ברעג ים,
קוקן אויף גאטס רחבות, ווי א תם.
איך האב ליב דאס תמימותדיקע פערד,
וואס האקערט די הייליקע ערד.
די גאלדענע זאנגען אין פעלד –
כ'האב ליב די גאנצע וועלט!
נאר מער פון אלץ איז מיר ליב און טייער,
זיך ווארעמען ביים העליש פייער
פון מיין גאט,
דער אחד!

יידיש אות

יידיש אות!
באגאנצט פון וואג און מאס –
האסט אין מיין פארטאג
געטאן א שלאג
מיר אין אויג,
ווען כ'האב צום ערשטן מאל געטאן
איבער דיר זיך א בויג,
און מיין וועלט מיר באמאלט
אין גינגאלד.
מיט א קאפ באקראנצט
פייערלעך ארום מיר געטאנצט,
אנטקעגן געקומען
און מיך דורכגענומען
מיט הייסן גלוט,
זיך אויסגעמישט אין מיין בלוט,
און מיין לעכצנדיקן געמיט
געשטארקט מיט גבורה-ליד.
יידיש אות!
איך הויב צו דיר דעם כוס
אין פארנויג:
שווארצאפל פון מיין אויג!
ביסט אלץ די שטימע, דער ווידערקול
פון מיין ווייטן אמאל,
ווען כ'האב א בונד מיט דיר פארשניטן,
דיך האלטן טייערער פון פערל
און אנדערע תכשיטין!

משפחה-אלבום

...דעם אמת זאגן,
וואלט איך דייקע געוואלט זיין אין גן-עדן,
וואו נהנה מזיו-השכינה זיינען טאטע-מאמע,
באבע-זיידע.
יא, זיי זיינען דארט,
און יעדער איינער פארנעמט זיין פארדינטן ארט.
דער טאטע זיצט מסתמא, לעבן ר'ישראל סאלאנטער,
פון וועמענס "אגרת-מוסר" ער איז דערהויבן
געווארן,
ווייל ער האט יעדעסווארט אויסגעקריצט
אויפן לוח פון זיין הארצן,
און עס געטראגן דארט אלע זיינע יארן.
און שפעטער, דעם אוצר געלאזן א צוואה
זיינע קינדער, אברהם,מרדכי און ישעיה.
און פארנאכט,
ווען די זון זעצט זיך אין זיבעטן הימל,
איז דער טאטע גובר דעם זיסן דרימל,
ער כאפט זיך אריבער אויף א פאר שעה,
צום מקובל און בעל-מוסר, ר'משה חיים לוצאטו.
דער טאטע ווערט גארנישט מיד
הערן לוצאטוס חידושים,
וואס ער האט מחדש געווען אונטערן איינפלוס
פון זיין "מגיד".
און צום סוף, וועןביידע משה'ס זוכן אפ
דעם "מסילת ישורים",
צווישן דעם פאק ספרים –

הייבן זיי אָן צו קלעטערן אויף די מדרגות:
פון זהירות צו זריזות,
פון נקיות צו פרישות,
ביז זיי דערשלאָגן זיך צו דער הויכער הויך –
צו חסידות.
דאָן טוט דער טאַטע אַ צופרידענער אַ גלעט זיך
די שניי־ווייסע באָרד:
נאָך אויפן עולם־התחתון האָב איך אַריינגעדרונגען
אינעם עתיד –
איך בין דאָך אַלע מיינע יאָרן געווען אַ חסיד,
און ניט אַרויסגעוואָרפן איז געווען מיין מי,
דער אויבערשטער זאָגט דאָך אויף זיך אַליין"
"כי חסיד אני!"
די מאַמע זיצט געוויס
צווישן די הייליקע אמהות,
שרה, רבקה, רחל, לאה.
זי האַלט אין איין פאַררוקן די אונטערגעוואַקסענע
האָר, די גרויע,
וואָס קוקן אַרויס פון די זייטן טיכל.
אין האַנט האַלט זי אַ ציכל,
וואָס זי האָט ערשט אויפגעניים,
און האַלט עס גרייט
פאַר דער כלה, וואָס האָט אירע אויגן
אויף אייביק פאַרמאַכט,
און דאַרף אַהער אָנקומען נאָך היינט ביינאַכט;
זאָלן די הייסע טרערן פון אירע אויגן צוויי,
פאַלן אויף אַ קישעלע ווייס ווי שניי!
זי זאָגט די חברטעס אַ גוטע נאַכט,

און לאָזט זיך פירן פון א לבנה־שטראַל,
וואָס באַצירט איר קאָפּ מיט ווייסן וואַל.
דער זיידע
זיצט צווישן אַן עדה
יידן, און חקירהט איבער דער בחיר־היצירה:
די אונטערשטע שורה —
א מענטש קען ניט אָפּקומען דאָס גאַנצע לעבן,
מיטן בלויזן גאָרן און שטרעבן.
ווייל מען דערשלאָגן זיך צום אויבן אַן,
איז ניט נאָר דורך דער מחשבה אַליין,
נאָר מען מוז אויך עפּעס טאָן.
ערשט דאַן ווערט מען נתעלה
צום רום המעלה,
און דאָס וואָס איז ערשט געווען פאַרהוילן
און העכער פונעם פאַרשטאַנד,
טאַפּט מען אָן ממש מיט דער האַנט;
און מען שפּאַנט שוין א לעבן לאַנג
אויף דער אמונה בריק
אָן שום פּיקפּוק!
וואָס די באָבע טוט דאָרט האָב איך ניט
קיין באַגריף.
זי איז אַוועק צו אירע עלטערן נאָך איידער
איך בין געבאָרן געוואָרן,
און די אַלע יאָרן
האָט זי מיר ניט געשריבן קיינע בריוו.
נאָר איך שטעל זיך פאָר:
זי שטייט אויף קאַיאָר,

נעמט מיט דעם רבינס שמירה,
און גייט הערן די מלאכים זינגען שירה.
נו, און מיין ברודער, זיידל,
וואס טוט ער דארט? –
ער איז געווען אזוי איידל,
און שטארק הזהר מיטן ווארט.
צו צוואנציק יאר שוין געווען שטערבלעך
קראנק,
דאך איז יעדע וואך צוגעקומען א ניי בוך
אין זיין ביכער־שראנק;
און אזוי, ביז דער טויט האט מיט די קאלטע
פינגער
זיינע ליפן באריירט,
האט ער מיטן חדר מתקן אנגעפירט.
וואס־זשע טוט ער דארט
פארט? –
ער זינגט מסתמא מיט קליינע קינדער
א העברעאיש ליד,
אין דער הברה הספרדית.
און מיין שוועסטער העניע,
טאטע־מאמעס בת־יחידה,
פירט זי זיך דארט אויף אנדערש אין די לבנה
נעכט? –
איך גלויב אז איך בין גערעכט:
זי האלט נאך אלץ פאר א ירידה,
ווען א בחור רופט איר "געניע".
–"מיין באבע, ע"ה, האט מען גערופן "העניע" –
הויבט זי זיך אן צו קאכן –

ווילט איר איך זאל אויסבייטן דעם שבת-קודש
אויפן אינדערוואכן!?"
יא, כ'האב געוואלט זיין אין גן-עדן,
מיט די נאענטע הארציק זיך דורכריידן.
פארנעמען נאך אמאל דעם כרובים-שארך
פון דער מאמעס בלוי זיידן-קלייד,
וואס האט אנגעפילט מיין קינדיש הערצעלע
מיט יום־טוב פרייד.

באַנײַאונג

אין צאַפּל פון גסיסה,
זײַנען מײַנע מילי מעליתא
געלעגן אין די אָרעמס
פון פאַלשקייט און ליגן;
האָבן די עכאָס
פון מײַנע אַמאַליקע פּתגמי־אוריתא,
מיט פון צער גרויסער יללה
פון טויט זיי אָפּגעשריגן.

ווידער טוט זייער התפעלות־קול
צום אַלמעכטיקן גרייכן,
מיט זיסע טענער
פון די מזמורי־היום;
ווידער בין איך פאַרבונדן
מיט די הימלישע הייכן,
ווי אין פרילינג
דער צווייט מיטן בוים.

דער בעש"ט זאגט

דער כוח און די מדרגה פון צדיק
איז אפהענגיק פון זיין דור,
ווי ווייט ער פירט זיך לויטן סדר,
וואס סע געוועלטיקט אין דער נאטור.
דער צדיק לאזט אויף א צייט זיך אראפ
אין דער נידער,
דערפרישן זיך דעם כוח,
בכדי מיט א נייעם אימפעט א הייב טאן זיך
צו דער העכסטער הויך.
דער צדיק-טרוימער,
דערהויבט זיך איבער די קליפות פונם חומר,
און ווי דורך נס,
ווערט ער אויסגעטאן פון זיין אייגענעם יש.
ער פארגעסט אינגאנצן אין זיין איך,
ער פארגעסט זיך — אין זיך.
ווישט אפ דעם גרענעץ צווישן אידעאל
און רעאל,
און דערהויבט די וועלטן
צו זייער אורקוואל.
אלץ וואס ער טראכט
ווערט געדאכט.
עס פאלט פונעם פארהוילענעם אראפ דער זיגל,
און ער שעפט פון אים
ווי מיט א קריגל.

ניִשטא מער דער באַגריף פון רוים און צייט,
פון ליכט און פינצטערניש ווערט א גאַנצע
איינייקייט –
אַזוי, ווען דער צדיק בויגט זיין קאָפּ
אַראָפּ צום באָדן –
איז עס צוליב דער קדושה, וואָס אונטער
דעם פאַרמאַכטן לאָדן...

דער חוט-המשולש

כ'בין אריין אין ערשטן היכל,
קיינער האט מיר ניט געשטערט.
פאטער אין הימל! כ'האב דאס ניט די ווערט!
"אט דארט איז דיין ארט,
און רעד ניט מער קיין ווארט!"
געטאן האט אברהם אבינו א שמייכל.

כ'בין אריין אין צווייטן היכל,
קיינער האט מיר ניט געשטערט.
טאטע זיסער! איך האב דאס ניט די ווערט!
"דיין כוונה איז א ריינע –
א זאג געטאן האט משה רבינו –
ווערסט נאך באנעמען אויך דעם שכל!

כ'בין אריין אין דריטן היכל,
קיינער האט מיר ניט געשטערט.
האר פון דער וועלט! כ'האב דאס ניט די ווערט!
"הקב"ה, אורייתא וישראל –
אויסגערופן האט א בת-קול –
אלע דריי אונטער איין דעכל!"

שכל און געפיל

וואס מערער פון העכערס איך טראכט –
אלץ ווייניקער קאן איך דאס פארשטיין,
איך קאן דאן אבער פיל קלארער דאס זען.
איך לייען דער וועלטס פאליאנטן,
גראב זיך אין בלאט און בלאט,
און אין ערגעץ ניט געפינען,
אז שכל זאל שטיין אונטער א הערארישע טאט.
א טראפן שכל איז גוטיק פארן קינד
און פארן גרייז,
ווי זאלץ אין אונדזער שפייז,
אבער ניט צופיל.
זעסטו, געפיל! –
דער בעל־שכל מעג דעם האלדז זיך רייסן
אין די גאסן,
און דער ווייניק געשפיצטער,
נאר מיט שטארקע געפילן,
וועט דערגרייכן דאס הארץ פון די מאסן.
די מענטשלעכע געפילן
שפילן
די ערשטע פידל,
און דאס הארץ ווערט גערירט
פון הארצנס־לידל.
דעם מענטשנס גליק שטעקט אין אים אליין:
אויב ער קאן דאס העכערע ניט פארשטיין,
קאן ער אבער עס דייטלעך זען!

דער שפּיץ באַרג

איינער פאַרנעמט זיך אויף איין וועג,
דער צווייטער — אויף אַן אַנדער שטעג,
און ביידנס בליקן עסן זיך איין
אין די העכסטע הייכן.
ביידע שטרעבן —
דעם שפּיץ באַרג צו דערגרייכן!
פאַראויס גייען פירער,
און נאָך זיי שירות
פון דורות.
איינעם ציט צו די ליכטיקע שטראַלן,
א צווייטן — צו די פאַרבאַרגענע קוואַלן,
און אַלע צוזאַמען
טובלען זיך אין הימלישע פלאַמען.
ביי יעדן איינעם איז זיין וועג
דער בעסטער,
דער גרעסטער,
און פירט שטיל
צום ציל.
איז ווען דער עולם,
פון אַלע זייטן טרעפט זיך אָן —
אַנשטאָט צו גיין אונטער איין פאָן —
פאַרפירט מען גאָר א געשלעג:
יעדער איינער מיינט
אַז ער ווייסט דעם בעסטן וועג!

דאך קומען וועט א טאג צוגיין –
אויב זיי וועלן קיינמאל ניט אפשטיין –
אז גרייז און יונגוואַרג
באגעגענען וועלן זיך אויפן שפיץ בארג,
און דערוויסן זיך אז דער וועג וואס פירט אהין
האט א קנאפן זין....

לשון-קודש-יידיש

א, לשונות ביידע, פון טאטעס און זיידעס,
אויך פארן איינעיקל האט איר אויפגעשטראלט;
א, לשונות ביידע, איר זענט מיינע עדות,
ווי פארקלונגען כ'האב מיט אייך דעם וואלד...

איר האט פארקנופט מיך מיט טאטע־מאמע
אין א סגולה־קנופ, ליפ צו ליפ;
איך האב געזאגט אייך נאך אין מיין הקדמה,
ווי טייער איר זענט מיר און ווי ליב.

איר האט ארויפגעפירט מיך אויפן באלעמער,
און אוועקגעשטעלט מיך פאר כל עם ועדה;
צעשפילט האט מיין הארץ זיך ווי א כלי־זמר,
ציט גרוים ליבשאפט פאר די שפראכן ביידע.

א, לשונות ביידע, קלאר ווייסע ציגעלעך,
איר זענט נאך אלץ פאר מיר דער גרויסער חידוש:
געבויגן האבן זיך טאטע־מאמע איבער מיין
וויגעלע,
מיט שנים מקרא ואחד יידיש...

נצח ישראל...

איר לאכט פון אונדז, וועלט רשעים!
"דער ייד גייט איבער א פאפירענער בריק!"
דער האר אבער זאגט אנדערש:למה רגשו גוים,
ולאמים יהגו ריק"!

אייער געדאנק איז פול מיט סודות פון בגידה,
און זוכט דעם יידנס פוסטריט ווי א שלאנג;
איר זענט אבער אויך ארויסגעטראטן אין מרידה
קעגן דעם, וואס צעשטערט דעם רשעס געדאנק...

איר זאגט: ישראל איז דער איבערבלייב פון
א מגיפה,
און מיר פעלקער, ווי דער זאנד ביים ברעג ים";
גאט זאגט: איר זענט די שטרוי צום אויפגיין
אין שריפה,
און פון יעקב וועט ארויס דער פארצערנדיקער
פלאם.

לייענט די אויפשריפט, געשריבן פון גאטס
מעכטיקער האנט:
"קער אום זיך, ישראל, צום שניט און צום
אקער,
מאכן וועל איך דיינע שונאים צו אייביקן
שאנד,
איך פארצוויפאך: נצח ישראל לא ישקר!"

א פּלעכטער שכן

איך האב געלערנט מיטן יצר הרע
א שטיקל שבט מוסר,
אנגעוויזן אים, זעסט,
דאס איז אסור, אסור!
געקנעלט מיט אים א טאג און א נאכט,
דערווייל אין זיין חברותה פארבראכט.
עס האט זיך איינגעשטעלט א בית־ישעיה
און א בית־יצר־הרע.
איך האב באוויזן אז מען טאר ניט,
ער, אז ס׳איז בלויז אן השערה.
איך ביך געווען דער מחמיר,
ער – דער מקיל,
איך האב זיך געקאכט,
ער האט אפגעענטפערט שטיל.
איך האב זיך געווערט:
"ס׳איז גאר א סברה..."
ער האט מיר איבערגעשלאגן
מיט א טארע...
ביז מיינע מוסר רייד האבן גענומען
פארצויגן ווערן מיט א שאטן,
און זיינע תירוצים –
ווי צווייגן מיט פרוכטן באלאדן.
מיינע רייד זיינען געווארן
אלץ בלאסער, בלאסער,
נאר זיינע האבן זיך געגאסן
אזוי ווי א וואסער,
פון מיינע מוסר רייד געדענק איך ניט א ווארט,
נאר זיינע תירוצים – א פולע קווארט...

מיין שכר

(ובחרת בחיים – זו אומנות.
ירושלמי, פאה, רפ"א)

איך קוק צוריק צום ווייטן ווייט:
ניט געוואוסט האב איך פון ליידיקער צייט.
ווען די ארבעט האט די שעהן געפרעסן,
האב איך אין צייט אינגאנצן פארגעסן.
און מעגסט מיר גלויבן:
איך האב די ארבעט ווי נאך ניט אנגעהויבן!
איך בעט ביי גאט:
זאל ארבעט זיין ביי מיר
דיין עלפטער געבאט!
וואו איז דער שכר? –
ביסטו דאך, במחילה, א גרויסער נאר!
מיין אויבנאן
איז דער געפיל אז כ'האב עפעס אויפגעטאן.
און וויפיל מיר איז נאך באשערט
זיין אויף דער ערד,
זאל איך פון אן אנדער שכר ניט וויסן –
נאר ארבעט זאל מיין לעבן פארזיסן!

די גליקליכע שעה

אין די קינדער־יארן און אין די עלטער־טעג,
בין איך ניט איינמאל אראפ פון גליקלכן וועג.
איך קאן ניט פארווישן מער מיינע טריט,
וואס זאלן בארואיקן מיין געפאלענעם געמיט.
עס העלפט ניט דאס קלאגן, דער שטומער געוויין,
כ'וועל מער שוין פון זינד ניט זיין ריין!

מ'מוז דאך אפצאלן אמאל אן אלטן חוב,
און זאל צום דריקן שוין נעמען א סוף.
איך פרעג ביים טאג, ביים חלום אין שלאף:
ווען קומט שוין די גליקליכע שעה,
וואס פירט דורך אפקום צו נשמה־רו?

עס איז מיר ווי, עס איז מיר ווינד,
איך בין באפלעקט פון שווערער זינד.
איך בין יא א ייד, כ'בין ניט א ייד,
און ניט פול־יידיש איז מיין יידיש ליד.
געדארפט האט עס זיין געהיט אויפן לויט,
און אויך באטעמט ווי קארן ברויט.

איך וואלט אליין פארקערט דאס מיטט,
און מיט געוואלד די טריט פארווישט,
בין איך ניט דער האר איבער מיין לעבן:
א פקדון בלויז פאר א צייט מיר געגעבן.
א נייער חשבון גאר וואלט צוגעקומען:
דערצו נאך פרעמדס אויך פארנומען!

דאס ליד פון גוג און ישראל

בײם שװאַרצן קאַטער
זיצט א בלאַסער
אונטערן אויער.
טיר און טויער
צוגעמאַכט.
נאַכט.
פינצטער שטאַק!
שטום דער גלאַק.
נישטאַ קײן ברויט,
אפילו קײן לויט;
נישטאַ!
װי אויפן ציפערבלאַט
א 13טע שעה.
און מיט א געלײמטער פויסט,
װאָס האָט אַמאָל געברױזט,
לויזט דער קאַטער זײַן זעל,
װי א הונט בײַם שװעל
זײַן פעל.
און א יאָרצײַט ליכט
פלעמלט זיך,
װי לבנה־פליך,
װי א פײַערל אונטערן טעפּל
אין קיך.
און גיך, גיך,
יאַגט זיך
דער שלאָף –
זײַן סוף.

אבער אין טאל
פון ישראל!
עמיץ גייט
שמייכלדיקערייט,
און טראגט אויף א גאלדענעם טיש
א גרויס געהיימעניש.
ער גייט פאראויס
און מעסט גוט אויס,
א שפרונג צו טאן –
און ניט אריין אין קאן,
און ארויפציען דאס בלוי־ווייס קלייד
אויף דער וועלטס נאקעטקייט...

די הבטחות פיר

פון לאנד צו לאנד,
איבער וועגן ברייטע און שמאלע,
שפאנט
דער אנזאגער פון דער לעצטער גאולה.
ער הויבט הויך דעם אות —
דעם ישועה־כוס —
און נאך העכער זיין קול:
גאל ישראל!
־גאטס קנעכט, גיט לויב צו גאט,
דעם אחד!
פארפולט איז דיין נחמה:
ער האט אויסגעלייזט דיין גוף
און אויך דיין נשמה.
ניט ציען וועט מער דיך צו די עבודה־זרות,
און ניט פארשולדיקן וועסטו זיך מיט כרות.
זע, דער הימל איז כולו תכלת,
אפגעשאפט זענען די ימי־אבילות —
די טרויער טעג,
וואס האבן דיין הארץ געזעגט
ווי מיט א טעמפער זעג.
נאר דיין נשמה אין דיר
וועט זיין באהעפט אין מיר,
ווייל מקוים געווארן זיינען
די הבטחות פיר:
והוצאתי, והצלתי, וגאלתי, ולקחתי —
און איך וועל אייך נעמען צו מיר
פאר א פאלק.

איך! נאר!

אוי! ווי פארשעמט איך בין געווארן!
ווי האסטיק האט גענומען דאס הארץ שלאגן,
ווען ער איז אין די רייד מיר אריינגעפארן:
"אזוי, קאנסט גאר א ליגן זאגן!"

און דעם, וואס היט מיין קורצן גאנג,
אין ווערמענס הענט — אלעמענס שכרן,
האב איך, נאר, א לעבן לאנג,
מיט פאלשן ליב געוואלט נארן.

דער ערשטער טריט

לאמיר, גאט, זיך אנטקעגן גיין
מיט הענט ברייט צעשפרייטע,
ווי יוגנט־חברים וואס טרעפן זיך,
נאך יארן לאנג צעשיידטע.

און ניט נאר ביים שוועל פון דיין טיר
זאלסטו מיר גיין אנטקעגן,
נאר אומעטום, ווי די וועלט איז גרויס,
אויף אלע דיינע מדבר־וועגן.

און ניט נאר זאלן מיר זיך ארומכאפן,
אווארט אדער צוויי זיך זאגן,
נאר יעדער איינער, מיט זיין רעכטער האנט,
זאל אויף זיין הארצן זיך "חטאתי" שלאגן.

און איך טאקע מאך דעם ערשטן שריט,
און הויב הויך דעם כוס מיט ווייך:
צווישן אלקיכם און אמת ויציב
וועט מיין אטעם מער קיינמאל ניט מפסיק זיין!

מיט אן אויסנאם

(יאמר להם:בני־אל־חי!)

לעבעדיקער גאט! מוזט מיין געבעט מיר באוויליקן,
און ניט אפקומען מער מיט א פזמון:

------ ---------------- און שוין!

איך האב דעם ספר־פטורים צעריסן,
און ביסט מער פון מיר ניט פטור;
איך בין ווידער דיין אמאליק קינד,
און דו צוריק מיין ליבער פאטער!

ניט מיין אז איך ווייס ניט פונעם כלל:
"התורה נדרשת במ"ט פנים", –
בין איך זיך סומך אויפן פסק
פון די ראשונים און די אחרונים.

טא בעט איך דיר, טאטע אין הימל!
קנס מיך, ווער דער הימלישער רב –
ניט מיט געלט־שטראף –
נאר מיט דיין געבאט:
לא תחמוד!
איך זאל פון קיין קינאה ניט וויסן,
נאר דער באשטימטער חלק מיינער
זאל מיין לעבן פארזיסן.
איין אויסנאם:
אז קנאת סופרים זאל איבערלאזן א שראם
אין ארצן ביי מיר,
און זאל בלייבן ליגן ווי א שוועל
פאר דער טיר.

אז וואוהין איך זאל זיך ניט דרייען,
זאל דאס מיר ווי דער עמוד־השחר
אנטקעגן גיין.
איז דען דא א בעסער געשאנק
ווי דער קלאנג
פון ווארט,
וואס שטייט אויפן ריכטיקן ארט?
פון ווארט און ווארט געראטן,
וואס זיינען זיך מתחתן,
און בריען געדאנקען אויס,
נישטא קיין שיעור צו זייער גרויס?
בעט איך ביי דיר, גאט!
היט אפ דיין אייגענעם געבאט:
"כרחם אב אל בנים",
ווי עס פסקנן אויך אזוי
די ראשונים און די אחרונים.

א געבעט

האר פון דער וועלט! דיר איז דאך אלץ קלאר
פון אלף ביז תיו.
האסט געזעען דער וועלטס בראשית,
זיין מיטן און זעסט אויך זיין סוף.
איך ווייס, ביי דיר איז טויזנט יאר
ניט מער ווי א טאג.
הער אבער דעם גרויסן יאמער און קלאג,
באטראכט דעם היינטיקן דור,
זע ווי דער "דעלך סני" צעברעכט זיינע פליגל
אנטקעגן די גראטעס פונעם יצר-נאטור.
דאך, ניט דער שטארקער וועט בלייבן לעבן,
נאר דער מיט פיל גלויבן,
וואס האט זיך רוחניותדיק דערהויבן;
וואס פארנעמט דעם ריטעם פון לעבן,
און פירט זיך לויט דער מסורה,
פון די אבות געגעבן. —
דערנען שוין די צייט פונעם ווייטן ווייט,
און באפריי דעם מענטש פון זיין פינצטערניש
און נארישקייט.
זאל ער מער ניט וויסן
פון דער מלחמה צווישן חוש
און געוויסן,
נאר וואס ער זאל ניט טאן,
טראגן זאל עס אין זיך דעם חותם
פון דיין פאן!

א תפילה

ניט מיט גוואלדן
רוף איך צו דיר,
און ניט ווי איינער
וואס קומט אים א חוב;
נאר אזוי ווי א בעטלער
וואס שארט זיך ביים טיר
און קוקט מיט הכנעה
צום פענצטער ארויף.

ניט ווי א נגיד־א־קמצן
זאלסטו זיך דערמאנען,
און ניט ווי א פרנס־חודש
וואס זיצט אין מזרח־וואנט,
נאר אזוי ווי א גאט,
אן אל רחום וחנון,
וואס עפנט מיט ברייטקייט
פאר יעדן זיין האנט!

דער בן־מלך

(א משל, פון די אלטע ספרים)

"מי את – ותיראי מאנוש
ממות, ותשכח ד' עושיך,
ותפחד תמיד כל היום?"

פארטריבן האט דער מלך זיין באליבט קינד,
פאר גרויס צארן – פון פאלאץ אים פארטריבן.
האט דער זון איבער דער וועלט געוואנדערט,
זוכן זיין שטיקל ברויט.
ער איז געקומען צו א כנעני,
יענער האט זיך אויף אים דערבארעמט
און צוגענומען אים פאר א קנעכט.
מיט דער צייט האט דער בן־מלך פארגעסן
ווער ער איז,
פון זיין גרויסן יחוס און הויכן אפשטאם.
דערווייל איז זיין האר געשטארבן,
און זיין זון איז געווארן דער באלעבאס.
דער זון איז אבער ניט געווען ווי זיין
פאטער,
און האט ניט פארשטאנען ווער זיין קנעכט איז;
האט ער ארויפגעלייגט א שווערן עול אויף
זיין נאקן,
און געארבעט מיט אים פון קאיאר ביז
שפעט אין דער נאכט אריין.
געקרעכצט האט דער בן־מלך פון גרויס ווייטאג
און געבעטן אויף זיך דעם טויט.

מיט דער צייט איז דעם מלכס כעס אפגעקילט
געווארן,
און ער האט זיך נאכן בן־מלך שטארק
פארבענקט.
איז דער מלך ארויסגעפארן איבער דער מדינה,
זוכן זיין פארלוירענעם זון.
וואו ער האט נאר א פוס געשטעלט,
און וואו ער האט נאר געטאגט,
האט ער געהייסן אויסרופן אין די געמארקן,
און אין יעדן ווינקל לאזן הערן זיין קול:
ווער ס'האט אויף וועמען א קריוודע,
און ווער ס'האט צום מלך א בקשה,
יענער זאל קומען מיט זיינע רייד,
און דער מלך וועט בויגן זיין אויער
צו אים!
האט דער קנעכט זיך געשטעלט פארן מלך,
און אויסגעבראכן אין א גרויס געוויין:
דערבארעם זיך אויף דיין קנעכט,
מיין קעניג!
און פארזאג מיין האר, אין דיין נאמען,
ער זאל ניט ארבעטן מיט מיר אזוי שווער,
און מיר אויך געבן מיין טעגלעך שטיקל
ברויט!
האט דער מלך דערקענט זיין זון,
נאכן קול.
געפאלן אים אויפן האלדז,
און ביטער געוויינט:

ווער דו ביסט? און ווי געפאלן?
דו האסט פארגעסן דיין שטאם!
בעטסט נשיאת־חן ביים האר,
ער זאל מיט דיר ניט ארבעטן שווער,
און דיר געבן עסן צו דער זייט;
און פון מיר — האסטו אפגעקערט דיין
הארץ,
און חוץ מיר איז קיין העלפער נישטא!
איך, איך בין דיין טרייסטער!
ווער ביסטו זאלסט מורא האבן פאר א האר,
און פאר א מענטשן,
וואס איז אונטערטעניק צו מיר?
און האסט פארגעסן דיין פאטער,
דער מלך,
וואס האט אויסגעשפרייט זיין מאכט
איבער לענדער,
און האסט געפארכט א גאנצן טאג,
פארן גרימצארן פון דיין באדריקער.
זע, איבער דיינע זינד האב איך געצארנט
אויף דיר,
און איבער דיין פארברעכן,
האב איך דיך אוועקגעשיקט פון מיר.
בארעכן זיך און קער זיך אום צום הויז
פון דיין פאטער.
איך וועל עפענען פאר דיר מיינע טירן,
און מיינע טויערן וועלן זיין אפן ברייט.
איך וועל גיין פאראויס דיר,

און קרומע ערטער אויסגלייכן פאר דיר,
און אל דיין באגער וועל איך אויספילן;
און זאגן אויך דיין הויז:
זי זאל געבויט ווערן,
און צו דיין טעמפל:
זאלסט געגרונטפעסטיקט ווערן!
ווארעם איך האב אפגעמעקט ווי א וואלקן
דיינע זינד,
און ווי א כמארע, דיינע פארברעכנס.
קער זיך אום צו מיר!
ווארעם איך האב דיך אויסגעלייזט,
זאלסט געהאלפן ווערן מיט אן אייביקער
הילף!

בטחון...

... און דער סוף וועט זיין,
אז יידן וועלן טרינקען וויין,
און טאקע מיט א ברכה;
און קינדער וועלן זינגען:
"ככה –
אט אזוי
יעשה לאיש אשר המלך
חפץ ביקרו!"

דער מלך וועט זיין
ניט אט אבי־ווער,
נאר טאקע ער –
דער "מלך מלכי המלכים
הקדוש ברוך הוא",
וואס איז אומעטום דא...
דא־דא־דא־דא...

און ישראליק, דער "איש",
וועט זיצן ביים טיש;
זאפל־מעסער וועלן קלינגען,
און מלאכים וועלן זינגען:
"בני אתה" –
דו ביסט מיין קינד,
און איך בין דיין טאטע!"
און קלינגען וועט אן עכא:
"מחיתי כעב פשעיך!..."

האט מיך ווער געזוכט?

איך האב א רוף פארנומען,
אויף דעם אראמאט פון בלומען.
ס‘האט מיך ווער בארירט,
און פאר דער האנט געפירט.

איך בין מיט פרייד געגאנגען,
נאך די פארדומטע קלאנגען,
פון אונטערן שלאס און ריגל,
פונעם פארכישופטן עיגל.

איז עס טאקע געווען אין האלבער נאכט,
צי ס‘האט זיך מיר בלויז געדאכט?
האט מיך טאקע ווער געזוכט,
צי ס‘האט זיך מיר בלויז געדוכט?

מיט די אייגענע כוחות

מוז-קרבן

(זעקס סאנעטן)

א

זאגסט ניט איינמאל זיך אליין און מיט גרויס
כעס:
דו שמידסט שוין ווידער פאר זיך קייטן פון
עקספלואטאציע;
ווייסטו דען נאך ניט אז נאך דיין פייערלעכער
קאראנאציע,
ווערט באלד א בית־עלמין פון דער טומלדיקער
גאס.

מ'וויצלט זיך אויף דיין חשבון, מ'מאכט שפאס:
"ער ציט שוין ווידער רערן פאר א נייער
קאלאניזאציע".
" ווען וועט ער אמאל שוין נעמען א ידאקאציע"-
פרעגן פען-חברים מיט ציטער אין קול - פון
קנאה־האס.

דיין פנים ווערט מיט א רויטקייט באגאסן,
און אט האסטו ביי זיך אין הארצן באשלאסן:
זיך ניט ווייזן מער אויף דער יידישער גאס...
דאך פארמישטו ווידער אין אייגן בלוט דיין
מוח,
און ברענגסט א פרישן קרבן־הלב אויפן מזבח:
"ישעיה יערוסאלימסקי...פארלאג...שנת.."

ב

זיצסט שוין ווידער אויבן אןביים טיש,
די הלל־געזאנגען זיינען דיין איינציקע
קאמפעסאציע;
כאטש דו ווייסט: זיי האבן מיט דיין ליד
קיין אידענטיפיקאציע —
שלאנגען וואס וויקלען זיך ארום בארפיסע
פיס...

עס טוט ביים הארצן דיר א צופ, א ריס,
אפגעטאן האט זיך פון דיר די גלאריפיקאציע,
און געשאפן האט זיך שוין א נייע סיטואציע:
מ׳רייסט פון דיר שטיקער מיט ליפן צוקער־זיס.

באנעמסט גלייך יעדן איינעמס פארבארגענעם
רצון:
א כאפ טאן פארן האלדז דיך און דערשטיקן,
אן איינזעעניש און אן א פונק פון רחמנות.

קריגסט צום סוף דאס ווארט, שלאגסט אפ
די טענות,
און דיין פארדראס נעמסטו מיט א "ליוליו"
פארוויגן"
"זיי האבן גערעדט דיבורים , ווי א חולה
פארן שוויצן..."

ג

איינגעשטילט האט זיך איינגאנצן שוין דיין
ווייטאג,
דיין הארץ נעמט אויפסניי וועבן א נייע
מעדיטאציע,
וואס לאזט דיך אנטרונען אין עיר־מקלט
פון סובלימאציע,
וואו דער רעיון־פרוכט ווערט רייף
און צייטיק.

ווערטער הויבן אן פון אלע זייטן זיך צו
שפארן,
פונעם ויתרוצעו ווערט א גאנצע ארגומענטאציע:
"נישט דאס! ס'איז א קארדינאלע מיסרעפרעזענטאציע,
וואס פירט דירעקט צו די גרעסטע געפארן!"

אלע כללים פון ליד ווי א מהדרין מן המהדרין
אפגעהיט,
פאלש־קלאנג האט דיין סענסיטיווער אויער
ניט געוואלט פארליידן —
און אט ציען זיך גאנצע פעלדער־פעסאזשען.

נאר ווען עס קומט די גליקלעכע שעה פון שניט,
דער שנייד־מעסער בלאנקט, נאר נישטא וואס
צו שניידן —
האסט געזייט פארבלענדניש און געוואקסן —
מיראזשען.

ד

וועסט געטראָפן, ווי מ'זאָל מיט א האַמער
דיר דערלאַנגען,
נאָר באַלד פאַרשיכורסט זיך מיט א נייער
עקזאַלטאַציע;
דער פערד ווערט ווידער פאַר דיר א
רעוואָלאַציע,
ס'טראָגן זיך פון ווייטנס תפילות
און געזאַנגען.

פאַרמישט א פאַרב פון וועסטער און קלאַנגען,
און מאָלסט אויף לייוואַנט א נייע דעקאָראַציע:
זאַנגען וויגן זיך אונטער דער זון אין
צאַרטער גראַציע,
מיידן באַרוויסע טראָגן שיך פאַרוואָרפן
איבער שטאַנגען.

זאָלן חברים ווי א געוויטער דיין דיכטער-לייב
שמייסן,
פון דיין קאָפּ די קרוין מיט גרויס רציחה
רייסן –
צווישן סופרים האָט אזעלכעס ניט איינמאָל
שוין געטראָפן.

ווייסט: האָסט פאַרן כותל-המערבי אָפּגעריכט
די "הקרבה",
די רויך-זיילן איבערן מזבח איז די געגאַרטע
תשובה,
הייבסט דעם כוס: ברוך אתה... בורא פרי הגפן!..

ה

ס'ציט דיך אלץ צו דער שוועל פון אומשטערב־
לעכקייט,
מיט שטארקן דראנג פון ארב־אקופאציע.
ס'זאל איבער דיר ניט הענגען די שווערד
פון דעקלאסאציע,
וואס שטופט אפ אין אונטערגרונט,אין א זייט.

עס טוט פאר דיינע אויגן ברייט זיך א צעשפרייט,
א שווארצער טעפעך פון א ענלעכער אסאציאציע:
ערשט נעכטן איז ער געווען פון טאג די
סענסאציע —
איצט איז ער פארן עם ישראל חי — טויט!

אך, ווי ער האט דאס צעארבעט מיט די הענט,
געווארפן מיט זיי ווי א דיריגענט,
און פארקלונגען א וועלט, ווי מיט שפארן!

נאר ניט געוואוסט האט דער אידיאט שב'אידיאט —
ווען געווען איז עס א סוד פאר גאנץ בראד:
ארויסגעווארפן איז זיין מי, ווי אויפן הירשס
הארן...

ו

גלעטסט דיין אויער מיט טרייסט־ווערטער ווייכע:
שוין פון לאנג, נאך פון דיין בראשית־דעקלאראציע,
ביסטו געווארן א טייל פון דער גרויסער פעדער־
פעדעראציע,
וואו פארנעמסט א בכבודיקן ארט אויף די בערג,
די הייכע.

ניין, ביסט ניט ווי יענער אידיאט שב'אידיאט –
עס שטימט דער סך הכל פון דיין קאלקולאציע,
ווייל געוואויגן און געמאסטן האסטו מיט דער
מאס פון ראציע,
און דאס טעלעוויזיע־אויג, דיין נשמה האט
געהיט דיין יעדן טראט.

די אבני־נגף אויפן וועג האט דיין הייסער
אטעם זיי צעשמעטערט,
און מחיל לחיל ווי אויף שטיגן געקלעטערט,
אויף הייכן פון סאמעט ווייכע טעפיכער געשפרייט.

האסט צוגעפירט בשלום דיין זעגל צום ברעג,
עס פלאטערט די פאן פון בארואיקטע טעג,
מיט נשמה אויסגוס, מיט חב"ד'ישן באשייד.

עס קאָן ניט זיין...

עס קאָן ניט זיין אז א היים
איז פון פיר ווענט פון ליים,
און א שליסל־לאך אין דער טיר,
מ'זאל קאָנען אריינקוקן צו דיר,
אז טאמער האסטו זיך קאפויר געשטעלט,
זאל וויסן עס די גאנצע וועלט,
און מ'זאל ריידן פון דיר,
אט טאקע אונטער דיין טיר.
און וואלט א טיר קיין שליסל־לאך
ניט געהאט,
וואלסטו געווען פאר דער וועלט א סוד.
געמיינט וואלט מען אז דער באלעבאס
טוט דארט אויך מי־יודע־וואס:
ער טראגט א יארמעלקע תמיד אויפן קאפ,
און ווארפט די הויזן פון זיך
קיינמאל ניט אראפ.
און נאך, און נאך,
ווען א טיר האט ניט א שליסל־לאך.
ווֶעמען א שטייגער וואלט געפאלן
אויפן געדאנק,
אז א מענטש זאל קריכן אין ביכער־שראנק
מיט בײדע הענט און פיס,
ווי צו דער ווייב,
וואס מאכט א ברית?

און זאל זיך ליגן דארט אין סאוולען־קלעם,
ווי ער וואלט געגאנגען אויף קידוש־השם?
צי ווער וואלט גאר געדאכט,
אז אין מיטן האלבער נאכט
גיט א ייד א הוליע.
גיט זיך א טוליע
צו א בארוועסער רות,
גיט איר א קוש,
און דאס הארץ אין אים
איז אין ציטער,
ווי ביי א געשמידטן ריטער.
און ווער ווייסט,
אפשר באשלאגט אים דאן אויך א שוויים,
ווייל וואס ער האט מיט זיין געביין
פארזייט,
ווערט פון שנייען פארוויים;
און ווערט פון ווינטן געטראגן,
אויף פוסטע ראגן.
און פון ווייטן טראגט זיך א קלונג:
זי קומט די שעה פון רעכענונג!
א בראך
צום שליסל לאך!
ס'איז ניט גענוג
דער קורצער לעבנס־צוג,
טרייבט ער נאך, דער טרייבער:
רויע זיך אין פרויען לייבער,

און דעמפ קטורת צו זיי אומפארשעמט,
אין איין הוילע העמד.
און שפרינג מיט גרויס כוונה,
ווי א ייד פאר א פולער לבנה;
מיט קראפט א נייער,
צו פארגרעסערן דעם פייער!

נעקסט קיים!

יעדע נאכט, פאר מיין שלאפן גיין,
קאנט איר אזא סצענע צוזעען:
ניט מיט גוואלד, און ניט מיט צוואנג,
נאר גערן, זעץ איך זיך
אויף דער באשולדיקונגס־באנק.
באשטים אליין פאר זיך א ריכטער,
וואס זאל זיין ניט אינגאצן ניכטער.
שטעל אן א רוגזהדיקן קטיגור,
וואס בויערט מיך מיט די אויגן,
ווי א שכר־יום,דעם ציפערבלאט
פון זייגער.
און ווי דער שטייגער —
איך באשטים אויך א סניגור.
דער אנקלאגער קערט וועלטן,
הערט גאר ניט אויף צו שעלטן,
און פאדערט די העכסטע שטראף פאר מיר.
נאר דא גיט דער פארטיידיקער דאס מויל
זיך א צעפיר:
שעלט, שעלט! —
און ער מאכט אלץ צו קליין־געלט.
דער ריכטער ווארפט בייזע בליקן,
אז וועט ער מיך מיט די אייגענע הענט
דערשטיקן.
איך זע שוין דעם סוף:
די שווערסטע שטראף!

נאר ווי בייז דער ריכטער זאל ניט זיין,
ווערט זיין פנים איבערגעצויגן
מיט א הייטל פון שיין,
און זיין לעצט ווארט צו מיר —
הגם בייז:
דאס מאל פארגיב איך דיר!
נעקסט קיים!

שווארצע פענער...

ווער ס'זעט זיך אין סאמעט און אין זייד,
און ווער ס'זעט א באדינער שטיין
פאר זיין טיר —
איך זע א לויה אנקומען פון דער ווייט,
און א אפענער קבר, געגראבן פאר מיר.
פון ביידע זייטן נאסן קבר, צוויי פרישע
בערגלעך ערד,
און א ייד, א צוויי־פנים־דיקער,
מיט צוויי לאנגע, רויטע בערד,
קלאפט אין א פושקע, גאר ניט
אויף קאטאוועס,
און ער שרייט: צדקה תציל ממות!
און איך, א נארישער מת,
ווארט אויף א נס.
וואס — כ'האב אפט ביים לעבן
ארימעלייט נדבות געגעבן.
נאר אזוי ווי איך האב דאס געלט ניט געציילט,
ווייס איך ניט צי איך האב זיך מיט זיי
געטיילט,
און אזוי ווי איך האב עס אין ביכעלע
אויך ניט ארייננעשריבן,
איז עס פאר מיר נאך ביז איצט
א סוד פארבליבן.
איז ווען איך אויב די אויגן ארויף,
זע איך א שווארצקייט, וואס גייט אויף
ווי פון טויזנטער שווארצע פענער,
און מיין האפענונג, אז א נס זאל געשען —
ווערט שוואכער, קלענער...

פארקערט

ניט געשראקן, הארצנס געזאנג,
פארן וואכנדיקן גאסן קלאנג;
זינג ווייטער אין דער שטיל,
זינג ווי תמיד, מיט גרויס געפיל.

די שלעכטע ריחות ארום דער בלום,
מינערן ניט די ווערט פון איר פארפיום;
פארקערט, וואס גרעסער די סרוחה ארום,
אלץ מער דאנקבאר איז מען דער בלום!

וואס צו...

איינער שרייט:נעבעך, ניט געראטן!
(ער קוקט אויף מיר דורך א פארקלענער-גלאז)
האב איך אבער אויך חן־גריבעלעך, חוץ דער נאז –
ווערן מיינע חנען ווי מיט זאמד פארשאטן.

א צווייטער שרייט: או-ווא! סארא גרויס!
(ער קוקט אויף מיר דורך א פארגרעסער-גלאז)
האב איך אבער אויך נאזלעכער אין דער נאז,
ווערט יעדע איינע אן ארייַנפאר־הויז.

מאכט מיך ניט קליין, מאכט מיך ניט גרויס,
זעט מיך אזוי ווי איך קוק אין אמתן אויס!

די מעשה איז אזוי און אזוי

אויגן בלוי וואס מינען אין ראז,
דער שמייכל ־ סיונדיקער זונען־שיין.
פון די ליפן שמעקט מיט זיסן וויין,
די האר – כוואליענדיק ווי ראשית־הגז.
היינט די געטאקטע ווענוס־נאז –
קיין שענערע קאן גאר ניט זיין!
די היפטן דרייען זיך אהין־אהער,
און רופן ארויס גרויס באגער!

ווי איך קום צו א פרוי
מיט אזוי פיל צארטן רייצן־חן? –
איך וועל אייך געבן צו פארשטיין,
די מעשה איז אזוי און אזוי:
איך האב געזאגט רק לא און לא!
און געוואלט שוין אוועקגיין,
איז די מאלערן געווארן מילדער,
און געוויזן מיר נאך בילדער...

פון געוואוינהייט

עס קאן זיין,
אז די קאץ וואס מיוקעט
אונטערן פענצטער ביי מיר,
זאל זיין א גלגול
פון א קמצן, א גביר,
וואס האט פארהאקט די טיר
פאר אן ארעמאן,
און דאס נאך מיט א בייזן
"פאשאל וואן!"
און דער קבצן –
דאס בין איך געוועזן.
איך קאן דאס אפילו נאך איצט זען,
פון מיינע אויסגעדרייטע שיך,
און איך בין שוין לאנג טויט.
איי
איך קיי
א דאר שטיקל ברויט? –
איז עס פון געוואוינהייט –
נאך פון יענער צייט,
ווען איך בין געשטאנען ביים גביר
אונטער זיין טיר...

אוי-ווײ!

אין שקיעה־בלענד
האבן מײנע פלאַטער־הענט
זיך א צי געטאן צו דער שרייב-מאַשין.
פינגער לויפן אהין
און צוריק,
איבער דער אותיות-בריק.
יארן קײקלען זיך פון מײן צוקאפנס,
ווי טראפנס
אויף א שויב,
און וואָרקען ווי א "ער" א טויב
ארום דער "זי",
איידער זיי לאזן זיך אין פלאַטער-פלי,
איך טו א לאז זיך מיטן שטראם
מעבר־לים,
וואו מײן פרימארגן
ליגט אינעם עבר פארבארגן,
א באַחנטער,
א באקרוינטער
פון שטראלענדע שטערן
און כשוף-באַגערן.
נאר, אוי-ווײ!
זע,
א וואלקן-רעיון האט מײן פרימארגן
דאס פנים פארשטעלט,
און נעלם געווארן איז מײן צויבער־וועלט.

קרוין און קרוין...

די עלטער האט מיך הארציק ארומגענומען:
"מיינט ער איז נאך א צוציק! הער נאר!
האט צוגענומען מיין קרוין פון בלומען,
און אנגעטאן מיר א קרוין פון דערנער.

זי האט ארייננעשטעקט א שטאק מיר אין האנט,
און א זאג געטאן אן א טראפן פארדראס:
אלטער באק,ס'איז ניט קיין שאנק
אנצוקומען צו א דריטן פוס!"

"זיי אלץ מוטיק און פריילעך,
און זאג ניט דאס טרויעריקע ווארט "שוין!"
ביסט נאך אלץ דער געקרוינטער מלך,
אפילו אין דיין דערנער־קרוין!"

עלטער

(מעות לא יוכל לתקן.
קהלת, א, טו.)

איך האב זיך געוואָרעמט ביידע הענט
ביים העלישן פלאם פון לעבן;
אנשטאט זיך אפרייסן מיט געוואלד,
האב איך זיך אלע פארגעניגנס נאכגעגעבן.

ווי די זון זעצט זיך און פארגייט,
אזוי איז איצט אויך מיט מיין לעבן;
נאר מיין טאג מעג פארוואלקנט זיין —
מיין אונטערגאנג קאן מיר נאך מאיאנטקעס געבן.

אמת, כ׳האב פון אזעלכע פארגעניגנס ניט געטראכט,
ניט געגעבן פאר זיי די מינדסטע מטבעה;
דאן אבער איז אין מיין האנט געליגן די מאכט —
איצט האט עמעץ אנדערש איבער מיר די דעה.

איך שעפּ...

איך האָב אײַך ליב, חוה׳ס טעכטער! –
"ער" אַלײן האָט דאָך אײַך פֿאַרטראַכט!
כ׳האָב אײַך געליבט נאָך אײדער־אײדער
כ׳האָב מיט אײנער פֿון אײַך פֿאַרבראַכט.

איצטער ליב איך אײַך נאָך פֿיל־פֿיל־מערער,
כאָטש איך זאָג אַפּט:"אױ, די װײַבער!"
איך שעפּ און שעפּ און קען אײַך ניט אױסשעפּן –
איר זענט קװאַליק, װי אַ מעין המתגבר!

איך האָב אײַך ליב, חוה׳ס טעכטער!
מיט אױגן בלױ, ברױן צי שװאַרץ;
איך מאַך קײן אונטערשײד פֿון קאָלירן –
איך דריק אײַך אַלעמען צו מײַן האַרץ!

איך האָב אײַך ליב חוה׳ס טעכטער!
איך שעץ גוט אָפּ אײַער פֿאַרמעג;
און כּל־זמן מײַן האַרץ װעט שלאָגן –
זוכר װעט עס צו אײַך אַ װעג!...

וויסט און לײדיק

א בלינדער טראכט: או-ווא!
וואס דער זעעוודיקער זעט!
און איז ער נאך דערצו א פאעט,
און פארבט צו דאס וואס ער זעט —
שאפט זיך דאן א בילד,
וואס קאן מאכן ווילד
פאר באגײסטערונג.
ער זאל מיט אײן שפרונג
זיך שטעלן אין מיטן גאס
טאנצן אויף א הערינג-פאס,
און פילן ווי ער האט אויסגעטרונקן
א גוט ביסל וויין,
און עס איז אים אין די בלוטן אריין.
און עפעס מאנט, ווי קײנמאל פריער,
און ער זוכט שוין א קליאמקע פון א טיר;
ווייל ער קאן מער ניט זיין אליין,
וואסי? — ער האט א בילד געזען! —
אוי, דו בלינדער נאר!
דיין בלינדקייט איז דער בעסטער שכר!...

פון א מיידלס טאג-בוך

"דער טאג איז פארשוואונדן,
די נאכט קומט שוין אן;
עס צאפלט דאס הארץ
און פלאטערט ווי א פאן:

אוי, וואלט איך וועלן
איך זאל אים געפעלן!"

"די לבנה שפאצירט זיך
אין הימלישן געצעלט.
די בלומען אין גארטן -
מיט איר שיין באהעלט!

אוי, וואלט איך וועלן
א רויט ביישל קרעלן!"

"נישטא מער די לבנה -
הינטער וואלקנס פארשוואונדן;
מיט היסן באגער האט ער
מיין הארץ אנגעצונדן.

אוי, וואלט איך וועלן -
ער זאל א חופה שטעלן!"

שרייב איך א בריוול...

כ'האב אויסגעחלומט א בריק
צו איר און צוריק,
טוט עס מיר שוין באנג:
די בריק איז צו לאנג.
ווען איך דערשלאג זיך שוין צו איר,
באגעגנט זי מיך לעבן דער טיר,
זי גיט מיר א גלעט
און זאגט:ס'איז צו שפעט!
קום איך א היים
מיט פיס ווי פון ליים.
צי איך אראפ די שטיוול
און שרייב איר אן אזא בריוול:
"אוצר, מיינער!
כ'האב די בריק ערשט פארברענט -
טאקע מיט מיינע אייגענע הענט.
איך האב זיך אויך איבערגעקליבן
אין האמור-הויז, צימער זיבן.
דו וואוינסט דאך אין צימער אכט,
וועל איך טאקע נאך היינט ביינאכט
צערוקן די וואנט,
מיט מיין לינקער האנט,
ווי א פרויען הענטל
צערוקט א שפאניש ווענטל,
און וועל זיך ארייננשארן צו דיר
פונקט א פערטל צו פיר!"

עפּילאָג?

ווײַנט פֿאַר מיר, איר ווײַנטן פֿון צפֿון קאַלט,
ווײַנט צווישן די שורות פֿון מײַן ליד;
אַנהייב פֿאַרטאָג פֿיל איך שוין מיד,
הערט זיך צו: ישעיה ווערט שוין אַלט!

דאָס יונגע ביימל, מײַן יוגנט־טרוים,
צוגעזאָגט האָט מיר גאָלדענע גליקן;
איצט וויל מיך אויף טויט דערשטיקן
און אַלט געוואָרן דעמבן־בוים.

און איך האָב אַזוי פֿיל דאָ נאָך צו טאָן:
די געפֿילן אין האַרצן זיך שטאַרקן און מערן,
די טעמעס – אַלץ ברייטער און טיפֿער זיי ווערן,
און די דעראײַנערונגען – פֿולע בעכערלעך מיט מאָן.

אַלעמען דאַרף איך זיי אין לבֿוש באַקליידן,
זיי זײַנען דאָך נאַקעט און הויל,
און שטייף איז נאָך דאָס פֿאַרמאַכטע מויל –
ניין, איך קאָן זיך מיט זיי אַזוי ניט שיידן!

פתרון-חלום...

חכמים ונבונים! זאל אייער חכמה אריינדרינגען
טיף אין מיין חלום, און געבן מיר אויף אים
א באשייד:
דער כוס איז געווען פעדער-גרינג, דאס גלאז
געשליפן
און דאס געטראנק אזוי גלאט און אנגעפילט
מיט פרייד.

כ'האב דאס געטלעכע פליסיקייט געלאזט
אנטרינקען מיינע גלידער,
מיט דער זיסער הנאה פון זיו־השכינה;
דאס הארץ איז ארומגענומען געווארן מיט
בענדער פון פארביקע לידער,
וואס ווארצלען טיף אין גילה,חדוה,דיצה,
רינה.

יא, איר דארפט דאס וויסן, ס'איז זייער
וויכטיק:
אויפן וואר וועלן מיינע ליפן צום געטראנק
קיינמאל זיך ניט צורירן;
ווי־זשע קומט עס וואס אין חלום,מערקווירדיק!
זאלן מיינע נזיר־ליפן גאר אנדערש זיך
אויפפירן!?

פארדראס...

אפשר ווייסט די זון,
וואס פארגייט אין רויטן
אויפן שפיץ בארג,
וואס איך האב געוואלט? –
איך ווייס ניט וואס!
אפשר האב איך געוואלט
זיך טויטן
אויף דעם בארגס קארק,
אוך האב דאס ניט געטאן –
דאס איז די סיבה פון מיין גרויסן פארדראס!

אפשר ווייסט דער אדלער,
וואס שוועבט אין די רוימען,
מיט פליגלען אין גינגאלד געזוימט,
וואס איך האב געוואלט? –
איך ווייס ניט וואס!
אפשר האב איך געוואלט
פריי לאזן מיינע טרוימען ,
און אליין גאר דעם וועג זיי
פארצוימט.
דאס איז די סיבה פון מיין גרויסן פארדראס!

פרעמדס-איינגנס

(איבערזעצונגען)

וואלטער

דער פראנצויז, דער ערשטער אין דער ליטעראטור
באַרימט,
(רוף אים אן, אויב דו ווילסט. וואלטער? —
באשטימט!)
מיט גייסט, גאונות, עלעגאנץ רום זיך
דערווארבן,
לאנג געלעבט, פיל געשריבן, געשמאק געלאכט
און געשטארבן.
דער תנ"ך איז געווען זיין וויצן־בוך,
פון וואנען מען ציט
"באן מא"(שטעכווערטלעך) צו דערצערענען
דעם קריסט און ייד.

די, ביים קליינעם שטיבל, וואס שפינט פאר
דער טיר,
פאר קישעלעך און שמאכטעלעך, פאר פרעמדן
הויז־באציר,
פארמאגט גראדן שכל, אויפגעלייגטקייט און
מונטערקייט,
דרייט די פעדים, פלאנטערט אויף — און
פארוועלקט פאר דער צייט;
פארדינט א מאגערן לוין, און פארנאכט,
מיט זיכערקייט און מיט פיל גלויבן
אירע אויגן זי פארמאכט.

זי, פאר איר פשוט לעבן, פון דער נאטור
צוגעפאסט,

פארמאג ווייניק פארשטענדעניש און איז פריי
פון חכמה-לאסט;
קריגט ניט א דאנק, הגם איר חלק איז קליין,
(פראצע און דלות) דאך ווייסט זי וואס איז
שיין,
זי ווייסט, און ווייסט ניט מער: איר תנ"ך
שמועסט
א אמת וואס דער בריליאנטענער פראנצויז
האט קיינמאל ניט געוואוסט.

— וויליאם קאופער

יהודהס הייליקע אדעס

זאלן יענע וואס בויגן זיך כסדר
איבער די פליסנדיקער שיינקייט
פון פלאטאס בלאט,
ווידערהאלן, מיט שיינענדיקע אויגן,
די קלאנגען וואס גיסן זיך
פון האמערס פערז,
מיט א וואסערפאל געררויש;
זאלן יענע וואס געפעלט זיי,
זוכן ביי סולי'ן א היילונג פאר זייערע
צעדרייטע שטימונגען,
און אויפשטעלן צוריק דעם טראן
פון רעטאריק,
אדער די חכמה פון די אלטע לייט
זאל ווייען פון סענעקאס געפליגלטער
פארשטענדעניש –
נישט דאס, נאר יהודהס הייליקע אדעס
זיינען מיר טייער:
ישעיה'ס נאבעלע ענערגיע;
די איינגעצוימטע ליידן פון איוב,
דער פשוטער כוח פון רות
און פון עמוס, דער פאסטעך;
דאס זיסע געזאנג פון דוד,
און דאס שיינע מעשהלע פון יוסף.
פשוט, פאטעטיש, רירנדיק פראסט.

– אהוברעי די ווירע

די דיכטער פון פארצייטן

ישראל'ס אלטע שטערן־לייענער —
איך האב זיי שטארק ליב!
מעדיטירנדיק, לייענען זיי אין די אשעס
פון דער הימלשער ערד,
אז הויכע געדאנקען זיינען קיינמאל ניט
געלערנט געווארן אונטן.
זיי פרעגן ניט ביי די עקרה'דיקע זאמדן,
זיי עצהן זיך ניט מיטן אייביקן טויט;
נאר ארויף , פון דעם ארעמען געצעלט,
שטייגן זיי אויף בערג־טרעפלעך,
מוטיק אין זייער גלויבן,
צו זאמלען די פראכט פון די שטערן.
די אומגלויביקע, וואס ווייסן ניט פון לערע,
איינס נאכן אנדערן, גייען זיי אונטער,
ווי א שאטן וואס פארגייט;
נאר יענער וואונדער־ליכט,
די כוואליקע ליבע,
ארויסגעכאפט פון דער ארונטערגעלאזענער
האנט פון גאט,
בלייבט, און קיניגט אייביק!

— דזשאן וויינס טשיני

א היים אן א תנ"ך

וואס איז א היים אן א תנ"ך? –
א היים וואו דאס טעגלעכע ברויט ווערט
באזארגט פארן גוף,
נאר די נשמה איז קיינמאל ניט גענערט.

וואס איז א היים אן א תנ"ך? –
דאס איז א הויזגעזינד אויפן ים,
דער קאמפאס פארלוירן, דער רודער צעבראכן,
וויגט זיך, שלעפט זיך נאכן שטראם.

וואס איז א היים אן א תנ"ך? –
ווילסט וויסן? אוי, א בראך! –
א היים וואו א תנ"ך געפינט זיך יא,
נאר מען עפנט אים ניט איינמאל א וואך.

מאנטיק קומט און גייט אוועק, דינסטיק
קומט און גייט, און אויך מיטוואך;
דאנערשטיק, פרייטיק, שבת, זונטיק,
דער תנ"ך פארגעסן א גאנצע וואך!

פארלוירן! דער תנ"ך!
פארלוירן! זיין לערע!
פארלוירן! זיינע פריידן!
פארלוירן! צו לעבן מיט אים!
פארלוירן! צו שטארבן מיט אים!
פארלוירן! וואס פארלוירן? –
דעם וועג צום גן-עדן!

– ס. ד. מעיגס

צו רוסלאנד

וועך האט דערציילט דיר חומש־מעשיות פיין,
פון א לאנד פון מילך און האניק און וויין?
פון געבענטשטן, שלוהדיקן ארץ ישראל,
פון כרמל־בארג און גליל־טאל?

ווער האט געלייגט דיין גאט פאר דיין טיר,
ווער האט געגעבן א גלויבן דיר?
ווער האט געגעבן דיר דאס "קאראל"ליד? –
דיין ייד, דיין ייד, דיין פארהאסטער ייד!

–דזשאקווין מילער

דאס ליד און פראכט פון דער וועלט

א גלאנץ באגילדט דאס הייליקע בלעטל,
פראכטפול ווי די זון!
עס גיט א ליכט צו יעדר דור,
עס גיט, און ניט געמינערט ווערט דערפון.

די האנט וואס גיט, זי שטעלט אלץ צו,
מיט גנעדיק ליכט זי שפרייט;
איר אמת אויף די פעלקער גייט אויף,
גייט אויף, און קיינמאל ניט פארגייט.

–ווויליאם קאיפער

רזין-דרזין

אין דעם פארכטיקן חיבור ליגט
דאס פארהוילענע אינעם סוד!
געבענטשט זיינען די פעלקער
וועמען גאט באוויליקט זיי
מיט זיין גנאד:
צו לייענען, פארכטן, האפן צו גאט,
אריינצוגיין אין טויער מיט א זיכערן
טראט.
און בעסער זאל יענער ניט געבארן ווערן,
וואס לייענט מיט ספיקות, אדער צו צעשטערן!

— סקאט

XXX

א חרפה און א קללה אויף אייך אלע,
וואס האבן דאס גוטע צעטראטן,
צוגעגנבעט די תורה ביים אויבערשטן,
און אוועקגעגעבן איר דעם שטן.

— וואהיטיער

XXX

הייליקער ספר, זונען-שיין!
טייערער אוצר, דו ביסט מיין!
מיך צו לערנען שכל און זין,
מיך צו לערנען וואס איך בין.

—דזשאן בורטאן

א אדע צו דר. ווילי‏אם הארווי

הארווי האט געזוכט דעם אמת
אין אייגן בוך פון אמת,
וואס גאט אליין האט געשריבן,
און ער האט פארנומען א ווינק, א ליבן:
ניט נאר זאל מען צו זיינע פירושים זיך בוקן,
נאר אינעם אריגינאל אליין זאל מען אויך
אריינקוקן.

—קאילי

דיסציפלין

ניט קיין ווארט אדער א בליק
פאררעכן איך אלס מיינעם,
נאר אלץ געהערט דעם בוך,
און בלויז דיינעם!

—דזשארדזש הערבערט

די ברידער

די זעלבע נאכט, איידער ער איז אוועק,
האב איך אין זיין האנט געטאן א שטעק
א תנ"ך, און איך לייג איין מיין הויז
און פעלד,
אז, אויב ער לעבט, , האט ער דאס
אין זיין געצעלט.

—ווארדסווארטה

דער תנ"ך פון דער מענטשהייט

דיינע אויערן הערן ניט מער די בארג־ארגאן־
טענער,
וואס דעם נביא'ס אויער האט ביים סיני
פארנומען;
מיינסט, אז דער קעלטער פון די יידישע מוחות
אויסגעטריקנט האט דעם קוואל פון על־וויסן,
דיינע ליפן זאלן מער ניט אנרירן דאס לעבעדיקע
פייער,
די קוילן אויפן מזבח, מיט נשמה באגער מער
ניט צעבלאזן,
די גייסטערס צעבראכענע קייטן — מער ניט
פארשמעלצן.

גאט איז ניט שטום, ער זאל מער שוין ניט
ריידן;
אויב דו האסט אין דער וויסטעניש געוואנדערט
און דעם סיני ניט אנגעטראפן —
איז דיין נשמה ארעם!
עס טורעמען זיך די בערג פונעם קול
ניט ווייניקער ווי אמאל.
דער וואס זוכט — וועט געפינען,
נאר דער וואס בויגט זיך שטיל
מיטן קוק אויף מן
און אנדערע חומרשע פארגעניגנס —
זעט דאס ניט,
אויך הערט ער ניט די דונערדיקע חכמה.

בילעכווייז איז דער תנ"ך דורך דער מענטשהייט
געשריבן געווארן,
און ניט אויף בלעטער פון פאפיר,
אדער אויף טאוולען פון שטיין:
יעדער דור, יעדעס הויגעזינד
האט צוגעגעבן א פערז,
א טעקסט פון פארצווייפלונג, האפענונג,
פרייד און טרויער.
ווען דער ים רוישט, דער טומאן הילט איין
די בערג,
ווען דער דונער קראכט איבער כמארע־פעלזן –
שטיל די מענטשהייט זיצט
פארן פארן נביא'ס פיס.

–לאיעל

ביבליאמאניע...

דער גרויסער האר יעהאווא רעדט צו אונדזער
חוש אין אלע תנ"ך ספרים:
אין בראשית און שמות,
ויקרא, במדבר
און אין דברים.
יהושע און מלכים באהערשן דאס לאנד,
רות קלייבט די זאנגען
מיט א ציטער אין איר האנט.
שמואל און פיל מלכים דערשיינען,
מיט וועמענס געשיכטע מיר קוויקן זיך,
ווי מיט זיסע וויינען.
עזרא און נחמיה, ביים טויער,
אסתר באחנט מיט שטילן טרויער,
איוב דערהערט פארט גאטס שטים,
דוד אין תהלים.
משלי לערנט מ'זאל העלפן ארעמעלייט,
קהלת באדויערט די אנטרונענע צייט,
און דאס זיסע געזאנג פון שלמה.
ישעיה, ירמיה נעמט די פען
און פארשרייבט איכאדיק אלץ
וואס ער האט געזען.
יחזקאל, דניאל, הושע'ס ליריק,
יואל, עמוס, עובדיה'ס,
יונה, מיכה, נחום,
חבקוק, נאך אים.
ווען צפניה און חגי שפאנען,
בויט זכריה די וואנט,
און מלכי, מיט איידעלע הענט
שליסט דעם אלטן טעסטאמענט.

—טהאמאס ראסעל

מארגן!

(סאנעט)

(פון ספאַנישן)

האר, וואס בין איך? אז אין יעדן ארט
זאלסטו זוכן מיך מיט אן אנגעשפיצטן אויער.
נאס, פון ביינאכטיקן טוי, פאר מיין טויער
אפשטיין א קאלטע ווינטער נאכט דארט?

א, ווי געטראפן דו ביסט, ניט אויפגענומען
זיס
כ'האב דיין פראכטיקן גלאנץ, דער הימל פאלט!
אז מיין ניט דאנקבארקייט איז אוממענטשלעך
קאלט,
ווי די פראסט־וואונדן אויף דיינע פיס!

ווי אפט מיין מגיד־מלאך בעט זיך שטיל:
"נשמה, הער ווי ער קלאפט אין דיין טיר,
און ווערט ניט מיד, ווארטן פאר דיר!"

און, א, ווי אפט דאס קול טראגט זיך פארבארגן.
"מארגן וועל איך עפענען, גיב איך א בריל!
און ווען דער מארגן קומט, ענטפער איך שטיל:
"מארגן!".

לאפעדע וועגא
1562–1635

שטראַלנדע : מחנות פון שרפים

(פון רוסישן)

שטראַלנדע מחנות פון שרפים
צעפּאַכען די לופּט אַרום אונדזערע בעטן.
מיט זייערע ווינטפּליגלען און סאַמעט־שטים,
אונדזערע הייסע באַקן זיי גלעטן.

נידעריק, די אַרומשוועבנדע שרפים זיך בויגן,
און מיר ציטערן אין הוילער פריד,
אויף די הושענות וואָס איבער אונדז זיך בויגן,
פליגלדיק מיט זייערע ניט ערדישע רייד.

וואַלקנדיקע באַלויכטונגען זיך שטרעקן,
און די פליגלווישן – די ליכט אַנטקעגן.
אונדזערע פייערדיקע ברוסטן זייפאַרדעקן,
ווי מיט פאַרבאַרגענעם הייליקן רעגן.

–וואַלערי בריוסאָוו
1873–1924

צום אלמעכטיקן

(פון איטאליעניש)

מיין לויב וועט דיין גרויסקייט באווייזן,
ווען מיין התלהבות וועט קומען פון דיין
הייליקן שם;
מיין ניט באהאלפן הארץ איז נאקעטער ליים,
וואס קען זיך אליין מיט גארנישט שפייזן.

פון גוטע און פרומע מעשים ביסטו דער זאמען,
וואס גיט לעבן ווען דו זאגסט עס מעג;
סיידן דו ווייזט אונדז דיין אייגן אמתן
וועג,
קאן קיינער דאס ניט געפינען, מוזט אנטקעגן
קומען!

טא אטעם אריין דיין ווילן אין מיין געדאנק,
דורך וועמען א השפעה זאל זיך אין מיר
שפרייטן,
אז אין דיינע הייליקע טריט זאל איך טרעטן;

די שלעסער פון מיין מוי עפן אין געזאנג,
איך זאל האבן דעם כוח צו באזינגען דיין
נאמען,
און דיינע לויבן צעפויקן אין דען אייביקייט.
אמן!

—מיכעלאנדזשעלא בואנאראטי
1475—1564

ארעמקייט

אויפן בית עלמין איז אן ארעמאן ארויף
און א געשריי געטאן צו די מתים:
שטייט אויף!
איר זענט דאך אלע צדיקים און פיינע לייט,
פאר א רגע האלט אונטער מיר מיין שווערן פאק
ארעמקייט!
די מתים האבן געשוויגן, מיט אן אבר ניט
ארדרד געטאן.
ער האט געטאן א שפאן
און ניט געפרעגט קיין שאלות;
ער האט פארשטאנען: עס איז בעסער צו זיין
טויט,
איידער א קבצן אין זיבן פאלעס.

(פון סאנסקריט
2טער יארהונדערט פ.א.צ.ר.)

דער קבר

(פון אראבישן. 13טער יארהונדערט)

כ'בין פארבייגעגאנגען א קבר צווישן שאטנס־
שלעפ,
וואו זיבן ביימלעך מיט ארונטערגעלאזענע קעפ
האבן פארגאסן טוי־טרערן אויף דעם שטיין.
איך האב געפרעגט ביי זיך אליין:
ווער ליגט דא אונטער דעם קאלטן מצבה־באציר?
און א קול האט געענטפערט מיר...
איצט בעט איך ביי גאט וואס האט דעם קבר
איבערגעהיפט,
ער זאל ארויפווארפן א שלאף אויף איר ווייל
זי האט געליבט.
עס וועט איר ניט ארן אויב געליבטע וועלן
ניט קומען
אפווישן דעם שטויב פון שטיין און לייגן
בלומען;
עס וועט איר גאר ניט ארן, נאר איך גיב
מיין ווארט,
צו פארפלאנצן מער טוי־נאסע ביימעלעך דארט,
וואס זאלן איר קבר באשיינען,
און טאקע אויף איבער אים וויינען.

אויפשריפט פאר דער שטאט פון בראנז

(פון אראביש. 13טער יארהונדערט)

קום אריין און לערן די געשיכטע פון די
הערשער.
זיי האבן געדרוט פאר א ווייל אין די שאטנס
פון מיינע שלעסער,
און דאן זיינען זיי מער ניט געווארן.
זיי זיינען געווען צעשפרייט ווי די שאטנס
ווען די זון גייט אונטער,
זיי זיינען געטריבן געווארן ווי שטרוי
פארן ווינט — פון טויט.

די שיכרות־יוגנט איז אריבער ווי א היץ,
דאן האב איך געזען פיל זאכן.
געזען מיין רום אין טעג פון פראכט,
די פיס פון מיין מלחמה-פערד
האבן געפויקט איבער די שטעט פון דער וועלט.
איך האב אויסגעליידיקט גרויסע שטעט
ווי א הייסער ווינט,
און ארויפגעפאלן ווי א דונער
אויף ווייטע לענדער.
די מלכים פון דער ערד האבן זיך נאכגעשלעפט
נאך מיינע רייטוועגענער,
און די מענטשן פון דער ערד
אונטער מיינע געזעצן.
איצט, אבער,
די שיכרות־יוגנט איז אריבער ווי א היץ,
ווי א שוים אויפן זאמד.

טויט האט מיך ארומגענומען אין זיין נעץ:
מיינע חילות האבן געקעמפט קעגן אים
אומזיסט,
מיינע שררות האבן געחנפט אים אומזיסט.
הער זיך צו, א, וואנדערער, צו די רייד
פון מיינע געשעעניש,
ווייל זיי זיינען ניט געווען די רייד
פון מיין לעבן:
ראטעווע אפ דיין נשמה
און פארזוך דעם גוטן ווייַן פון רו,
ווייל מארגן וועט די ערד ענטפערן:
ער איז מיט מיר,
מיינע זעלאטישע בריסטן האלטן אים
אויף אייביק!

אינעם נאמען פונעם אייביקן!
אינעם נאמען פון באשעפער פון כוח!
וואנדערער אין דיין ארט,
קוק ניט אויף דער גלאז נאכן אויסזען,
ווייל א אטעם קאן דאס צעשמעטערן,
און א אילוזיע איז א גרוב פאר די פיס
פון מענטש.
איך רעד פון מיין מאכט:
כ'האב פארמאגט צען טויזנט פערד,
אויפגעגנומען פון באזיגטע מלכים;
כ'האב פארמאגט טויזנט יונגפרויען
פון קעניגלעכן אפשטאם,
מיר צו פארשאפן פארגעניגן,

און טויזנט שענסטע יונגפרויען
מיט לבנה־קאליר בריסטן;
אויפגעקליבן פון דער גאנצער וועלט.
זיי האבן געבראכט קליינע פרינצן אין מיינע
זאלן,
און זיי זיינען געוועזן בראָוו ווי די לייבן.
כ'האב פארמאגט די טייערסטע אוצרות,
און מזרח און מערב זיינען געוועזן די קעפ
וואס האבן זיך געבוקט פאר מיר.
איך האב געטראכט אז מיין מאכט איז אויף
אייביק
און די טעג פון מיין לעבן פאסן זיך גוט אריין
אין די יארן;
נאר א מורמל איז געוועזן צו מיר
פון אים, וואס שטארבט ניט.
איך האב גערופן מיינע עלצטע
און מיינע שטארקע רייטער;
טויזנט אויף טויזנט,
מיט שווערדן און שפיזן;
כ'האב צונויפגערופן מיינע צינז אפצאל מלכים
און די בכבודיקסטע הערשער אונטער מיר.
כ'האב געעפנט די קאסטנס מיט אוצרות
פאר זיי,
און געזאגט:
"נעמט גאנצע בערג מיט גאלד, בערג מיט זילבער,
און גיט מיר נאך איין טאג אויף דער ערד!"
נאר זיי זיינען געשטאנען שטיל,
אראפגעקוקט צו דער ערד;

אזוי איז דער טויט געקומען .
און זיך געזעצט אויף מיין טראן.
איך בין געווען קוש־בין־סעדיה־בין־אד,
באוואוסט אלס"דער גרויסער!"

א, מענטשן קינד!
ליגסט די צוקונפט צו דער צוקונפט,
נאר די טומע ווערט אפגעווישט
דורך דעם גרויסן גול פון טויט.
עס איז דא א האר
וואס אטעמט אויף חיילות,
בויט שמאלע און טונקעלע הייזער פאר מלכים.
ער שפאנט איבער זייער שטויב
אין א שווארצן קעניגרייך!

א, מענטשן קינד!
פארוואס פארשטעלסטו די אויגן מיט די הענט
און פארשפילסט זיך אין דעם וועג
ווי ער וואלט זיין אויף אייביק,
וואס איז ניט מער ווי א קורצער שטעג
צו אן אנדער ארט!
וואו זיינען די מלכים וועמענס היפטן
האבן געמאכט ציטערן קעניגרייכן,
וואו זיינען די מעכטיקע מענטשן,
די הערשער פון איראק?
וואו זיינען די ריטער פון איספאן?
א, מענטשן קינד!

א, מענטשן קינד!
דו זעסט א פרעמדן אויפן וועג,
דו רופסט צו אים און ער שטעלט זיך ניט אפ.
ער איז דיין לעבן
וואס גייט קעגן דער צייט,
איילענדיק, צו באגעגענען די מלכים
פון אינדיע און כינע,
איילענדיק צו באגריסן די סולטאנען פון סינא
און נוביא,
וואס זיינען אריבערגעבלאזן געווארן
איבער די בערג־קעפ,
דורך א געווייסן אטעם –
אזוי ווי ער.

א מענטשן קינד!
דער טויט ליגט שטאנגען אויף דיינע פלייצעס,
קוקט ארונטער אין דיין כוס מיט וויין,
קוקט ארונטער אויף די בריסט פון דיין
געליבטער.
ביסט פארכאפט אין דער נעץ פון דער וועלט,
און די שפין רוט ניט אונטער איר.
וואו זיינען די מענטשן מיט די גרויסע
האפענונגען?
זיי האבן זיך געביטן די ערטער מיט די סאוועס,
סאוועס וואס וואוינען אין בית־עלמין געצעלטן,
און איצט האבן זיי געירשנט א פאלאץ.

דער גארטן

מיינע געדאנקען זיינען ווי גארטן־בייטן,
וואס ווייסן ניט
פון קיין רעגן, נאר פון דיין גנאד,
און קיין צוויט
חוץ דיין נאמען. איך שריי, דו ביסט
דער אינדערמיט
פון מיין גארטן,
פול מיט פרוכט אין צייט פון שניט.

(מוטאמיד, קעניג פון סעוויל
1040–1095)

ליבע

ליבע איז געוועז איידער דאס ליכט
איז געווארן געבענטשט,
ווען ליכט איז מער נישטא – זאל ליבע זיין
דער טרוים.
א,ווארעמע האנט אין קבר, א בריק
פון אמת־פאן,
א, פערלמוטענער צאן
וואס עסט דאס גרינע הארץ פון בוים –
פון מענטש!

(פון אראבישן. 13טער יארהונדערט)

אומשטערבלעכקייט

ראבערט בראונינג

מורא פארן טויט? — צו פילן דעם נעפל
אין מיין האלדז ווי ער רייסט,
דאס רעגנדל אויף מיין געזיכט.
ווען די שנייען הויבן זיך אן און דער ווינט
זיך באווייזט,
דערנענט איר זיך צום ארט פון ליכט.
די מאכט פון דער נאכט, דרוק פון שטורעם,
און די וואך פון שונא אויף יעדן שטעג;
וואו ער שטייט — אין א געשטאלט איז
דער מורא־טורעם,
דאך מוז דער שטארקער מענטש זיך לאזן אין וועג:
ווייל דאס שליחות איז אפגעטאן און פארפולט,
און די צאמען צעפאלן,
כאטש א שלאכט דארף מען פירן נאך —
ווען ניט פארשפילט —
דער שכר פאר אלע דורכפאלן.
אייביק בין איך געווען א קעמפער,
טא, מיט איין קאמף מער,
דער בעסטער און דער לעצטער!
איך וואלט ניט געוואלט דער טויט זאל
פארבינדן מיר די אויגן, אין שטער,
און הייסן מיר פון וואסער ארויסקריכן
א פארנעצטער.

ניין, לאז מיך פארזוכן פון דעם ביזן דנא,
ווי דאס רוב
העלדן פון דער וועלט.
טראג דעם דרוק, באצאל גערן דעם לעבנס־חוב,
פון ווייטאג, פינצטערניש און קעלט.
ווייל דאס ערגסטע לאזט זיך אויס צום גוטן
פאר די בראווע,
די שווארצע מינוט איז אויס,
און די ליידנשאפט, און די טייוול קולות
וואס שלאגן ווי א לאווע,
ווערן פארקלענערט,ווערן לויז,
בייטן זיך, רו ווערט פונעם שווערן שטיקן,
דאן א ליכט, דאן דיין ברוסט,
א, נשמה פון מיין נשמה! איך וועל דיך
ווידער צודריקן,
און מיט גאט זיין אין מיין גלוסט.

געדאנק

(פון רוסישן)

איך קוק מיט טרויער אויף אונדזער דור.
זיין צוקונפט שווארץ און פוסט — און היינט,
געבויגן מיט אן עול פון צווייפל
און פארשטענדעניש,
אין פוילקייט און קאלטער געלייכגילטיקייט
ווערט ער אלט.
ווען קיינמאל פון וויגל זיינען מיר געווען
רייך
אין פאליאנטן, אין אונדזערע פאטערס
קריכנדיקער חכמה.
לעבן טראגט אונדז — א וועג אן א פונקט,
א סעודה אויף א פרעמדער שמחה.
קעגן גוטס און שלעכטס — בזיונדיק געריכט,
אין מיט־לויף מיר ווערן אפגענוצט
אן א קאמף.
אנטקעגן געפאר —שרעקעוודיק,
אנטקעגן א מאכט וואס זידלט אונדז אויס
זיינען מיר שקלאפן.
טייערע פרוכט, רייף אין צייט, הענגען מיר,
אין הנאה ניט פונעם קוק, אדער פונעם באריר,
א צעקניטשטער יתום לויפט ארום די צווייגן,
זייער שיינקייטס שעה, די שעה פון זיין
עפאכע.

דער קאליר פון פאעזיע, די פארם פון קונסט
וועקט אין אונדזער געדאנק קיין שיינע
עקסטאזן. מיר באהאלטן אוים דעם נאכשלעפ
פון געפילן, וואס זיינען טויט.
קמצנים, מיר גראבן און באהאלטן די מינדסטע
מטבעה.
מיר האסן ביי א געלעגענהייט, מיר ליבן
ביי אן אומגליק;
מיר זיינען זיך ניט מקריב פארן האסן
און ניט פארן ליבן.
אין אונדזער געדאנק הערשט א באהאלטענע
קעלט,
אפילו ווען דער פייער ברענט אין אונדזער
בלוט.
א לאנגווייל איז אונדז אונדזערע עלטערנס
שענסטע פארוויילונגען,
זייער געווימן ווערט קינדעריש פארלוירן
אין פוסטקייט.
מיר שטעלן אויף דענקמאלן אן פרייד
אדער לויב,
מיט בלויז א בליק פון פאראכט א ווארף
געטאן אויף צוריק.
אן אכטנאקיק עולם און באלד פארגעסן.
מיר גיין אוועק אין שטילקייט,
אן א שפור פון דער וועלט,
ניט ווארפנדיק קיין פרוכט פון טרוים
צו דורות.

קיין גאונישער טאט – אפילו האלב ניט
אנגעהויבן.
אונדזער שטויב, וועט דאס גערעכטיקייט
פון די בירגער,
אין דער צוקונפט אפשאצן אין לידער
פון גיפט...
עס וועט יובלען דער שוואכלינג
און אויסברענגערישער פאטער
אין א ביטערער גרימאסע –
דעם אפגענארטן זון.

מיכאיל יורעוויטש לערמאנטאוו
1814–1841

נאכט-זעאונגען

כ'האב ניט מורא פאר פיפערנאטערס, פאר דונערן
וואס קראכן,
כ'בין קייר נאריש מיידעלע, וואס שרעקט זיך
פאר די זאכן.
איך בין בראוו און שטארק, נאר איך שרעק זיך
פארן בעט,
ווען די מאמע דעקט מיך איין און מיט
ליבשאפט גלעט.

זי ווינטשט זיסע חלומות - און לעשט אויס
דאס ליכט,
גייט ארויס, און ביינאכטיקע זעאונגען
קומען אומגעריכט.
אמאל זיינען זיי אין איין ווינדל, אמאל
אין גאנצע צוויי,
אמאל שטייען זיי שטיל און דער דיל טאנצט
ארום זיי.
אמאל זיצן זיי, אדער איבערן חדר זיי
קריכן ארום,
קריכן און שווייגן, ווי געוועז זיי וואלטן
שטום.
איינינקע ווייס ווי שניי, אייניקע
שווארצער פון שווארץ,
נאר וואס גייט זייער קאליר מיך אן, ווען
פאר שרעק פאלט איין דאס הארץ.

כ'האב זיך געשלאגן מיט א יינגל, צעממתט אים
צום טויט,
האט דערפאר דער טאטע מיך געשיקט שלאפן אן
א פעניץ ברויט.
כ'בין געלעגן אין דער פינצטער און געזען
זיי שטיין אין א ריי,
קוקן און וואונקען און ווייזן אויף מיר
מיט פינגער צוויי.

אוי! ווי איך האב זיך דערשראקן, מיט אן אויג
ניט געקאנט צומאכן,
דאס קומען זיי יעדע נאכט, איבער דעם זינדיקן
צו וואכן.
ווי גוט איז וואס כ'בין ניט א מיידעלע,כ'וואלט
געשטארבן פאר שרעק!
איך בין א יינגל, כ'גיב א צי דעם צודעק און
שפיי אויף זיי קלעק!

און גרוים ווערט דער ווייטאג אין מיר פארוואס
איך בין שלעכט,
און איך שווער זיך צו זיין גוט און א תפילה
איך פלעכט.
"תפילה" – זאגט די באבע – א בעסער יינגעלע
עס מאכט,
א יינגעלע וואס זינדיקט און זעט זעאונגען
ביינאכט!

איר זאלט ניט אנריידן מיך, שלעכטע קינדער,
אן עברה באגיין,
שווייג!כ'וועל זיך ניט צוהערן – כ'זאג צום
יצר הרע:ניין!
און ווען דערלאנגען מיר וועט מען לאטקעס
אין א מיטנוואך –
זאל איך שטארבן אויב איך וועל זאגן:כ'וויל
נאך!
ניין, בעסער פון הונגער שטארבן, אדער עסן
גראז ווי א פערד,
איידער זען אין דער פינצטער זעאונגען
אויפגיין פון דער ערד!

– י. פילד

פאבלען

עס קומט אמאל א צייט
(עס רינט אוים דער וועלטס ביסעלע גליק)
ווען מ'דארף זיך אומקערן מיטן פנים
אויף צוריק,
צום ווייטן-ווייט,
ווען דער מענטש איז געווען ענג פארבונדען
מיט דער ערד,
ווען זיין בעסטער חבר איז געווען
דאס הארעפּאשנע פערד.
ווען דער מענטש האט געגומען רעיות
פון די חיות,
פון גראז און זאנג פון פעלד,
צו פארשענערן און פארבעסערן
זיין אייגענעם געצעלט...
עס קומט אמאל א צייט,
ווען דער מענטש דארף אויפסניי
זיך צוקוקן צום דומם, צומח, נפש, חי,
און ארויסלערנען פון זיי
ווי צו לינדערן דער וועלטס גרויסן וויי!...

אדם ובהמה...

ווער האט ניט געהערט פון מיקי־מויז!
נאר אז מיקי זאל אריינקוקן אין חומש שמות,
און טאקע אויך אין אלע פינף חומשים,
אז ער זאל פארכאפט ווערן מיט אלע חושים
פונעם " אז ישיר משה... את השירה הזאת –
פון דעם האט קיינער ניט געהערט,
חוץ רוי ראדזשערס פערד.
– קלייבסט זיך אין וועג? –
האט דאס פערד־סטאר געטאן א פרעג
ביי מיקין.
– וואהין?
– קיין מצרים!
– קיין מצרים? דארף מען דאך מאכן א לחיים:
לחיים טובים ולשלום! –
און דאס פערד האט א שטארקן ריס זיך געטאן
פון דער צוים. –
איצט, מיקי, זאג מיר צוליב וואס,
האסט זיך אפשר צעקריגט מיט דיין באלעבאס?
– ניין, נישט דאס!
און מעגסט מיר גלויבן אויפןווארט –
איך וויל זעען דאס היסטאריש ארט
וואו יידן, קעפ אויף קעפ
האבן זיך ארונטערגעלאזן אין ים, ווי אויף טרעפ.
פון ביידע זייטן בוימער, מיט פרוכטן באלאדן,
וואס פרישן אפ מיט זייער שאטן.

ווייסט וואס? – קום אויך מיט,
וועלן מיר צוזאמען זינגען דאס " אז ישיר"ליד!
– וואס? איך אין די מדברות זיך לאזן,
וואו שרעקלעכע ווינטן בלאזן,
און אויף שריט
און טריט
צרות בלויז,
וואס רעדסטו, מיקי מויז?!
און פון דעם האבער ,דעם זיסן
זאל איך מער ניט געניסן.
ווייסט ווען איך וואלט א שפיי געטאן אויף
דער צוים,
ווען כ'וואלט דאס מויל געקאנט לאזן
אין דער היים!
און דער עיקר!
ניין, כ'בין ניט שיכור!
(איז דאס פערד זיך פארגאנגען אין א געוויין)
ווי קאן איך לאזן רוי ראדזשערס אין אזא וועלט
איינער אליין!...

XXX

אויך פיל יידן פירן א מאגן–חשבון,
ווי זיי זאלן ארויסקומען פון אהרן הכהן:
זיי וואלטן געלאזן זיך אויפן וועג קיין
ירושלים,
ווען אנגעגרייט וואלט דארט זיין פאר זיי
הזרוע והלחיים!....

דער אפגענארטער בער

דאס ערשטע שנײיעלע איז שוין אויסגעפאלן,
די זונען־שטראלן
ווארעמען נישט מער –
האט רעב דוב־בער
מיטגענומען מיט זיך אין נארע,
אין זײַן ווינטער־שלאס –
דעם דרוש ספר, יערות דבש.
– וואס ברומסטו, דארט אזוי, מײַן אינגעווייד?
איך וועל באלד פארשאפן דיר א פרייד
וואס האסט ביז איצט אזא נאך ניט געהאט!
און דער בער האט אויפגעמישט דעם שער־בלאט,
האט געטאן א שמעק,
א לעק –
וואס טוט זיך דא?! –
קיין סימן פון האניק נישטא!
ער מישט א בלאט אהער, א בלאט אהין,
און רעדט זיך אויס פאר דער בין:
צום מענטשנס נארישקייטן איז נישטא קיין צאם,
ניט נאר איז דער דבש ניט זיס,
נאר ער האט בכלל קיין שום טעם!...

דאס פערד

אן נטילת־ידים
האט די קאץ זיך צוגעכאפט צו דער מויז
און ניט איבערגעלאזן פון איר קיין ברעקל
שריים.
– דער חורבן איז גרויס!
(האט א מויז
זיך געקאכט.)
הארכט,
וואס ס'קען ווערן פון א וועלט
ווען די גערעכטיקייט האט די אויגן זיך
פארשטעלט.
ווען דער "לא תרצח" טוט זיך אפ
פארלירט די מויז דעם קאפ.
כאפ-לאפ –
און פון מארק אראפ!
און איידער מ'קוקט זיך נאר ארום,
איז די וועלט אינגאנצן שוין שטום.
קיין שארך,
קיין אך!
קיין מו!
קיין קוקורעקו!
אלץ ארום
איז שטום!
– הערט נאר, הערט!
(האט דאס פערד
געטאן א גראב
דעם קאפ אין זשאלוב.)

און אז די קאץ דערשטיקט אמאל א מויז,
לאזט זיך מיט דעם די וועלט טוין אויס?!
נאריש!
וואס איז מען אזוי מהרעיש
א וועלט
איבער א מויז?!
(פון זיין קעל איז א פריידיקער הירזשע
ארויס,
און ער האט זיך דיבאם געשטעלט.)

כוח...

ליגט א ווערימל טיף אין דער ערד
און קלערט:
איך ווער דערשטיקט!
ווי אזוי רייסט מען זיך פון דאנען ארויס?
עס האט געגעבן מיטן קעפעלע די ערד א שטויס,
און עס האט דעם אפגעגליקט:
באותו הרגע איז א ערדציטערניש געשען,
און די ערד האט זיך געשפאלטן אויף צוויין,
אויף דעם ארט וואו דאס ווערימל
האט זיין כוח באוויזן.
– העי! וואו זענט איר, ריזן?!
זעט סארא כוח אין מיר.
אויפברעכן אזא טיר!
האט מען שוין געהערט אמאל פון אזא שטויס?
ס'שלאגט דאך פון דער ערד אזש א פארע ארויס!

א מעשה מיט א רב

דער ליסענקער רב
האלט כל ימיו
יעדן שבת א דרשה.
איז גאר נישט קשה
וואס ער גייט תמיד ארום אזוי פארמוחעט,
אז פרעגט אים בחרם,
ווייסט ער ניט קיין חילוק פונעם ביידער
ביזן שוחט.
דרייט דער רב זיך איינמאל ארום איבערן
חדר
ווי זיין סדר,
און גיט א יידענע א שטארקן שטויס
מיטן עלנבויגן.
די יידענע הויבט אויף די אויגן –
ס'איז דער רב!
– גאט, ניט שטראף!
רבי, וואס טוט איר אטא־דא?
–וואס הייסט וואס? – איך חזר איין
מיין דרשה!
– אויב אזוי, מוזט איר זיין שטארק
פארמוחעט!...
– איר אויכעט!
טוט דער רב זיך א בייזער.
– שמש, לייזער,
ווארף די יידענע פון קלויז
ארויס!

– אזוי!
אויב ניט פארמוחעט און ניט קא פרוי,
גיט די יידענע דאס פיסקעלע א פארקרים –
וואסזשע טוט איר אין עזרת־נשים?...

אייזל-קאפ

– איך בין שוין פארפאלן,
כ'וועל שוין אזוי פגרן אין די שטאלן,
אן אלטער נאר!
דערפאר
וועל איך מיין בן־יחיד פאר א גדול בישטאל
מאכן.
אזא טייערער איינפאל!
און דאס אייזל האט אוועקגעשיקט א בריוו
צו ר' אייזעלע חריף.
ער האט געווארט א טאג מיט א נאכט,
און א שליח האט א תשובה געבראכט:
"פאר אן אייזל האב איך ניט קיין תורה,
כ'האב פאר אן אייזל נאר מורא!".
– נו, מילא! – האט דאס אייזל א דריי
געטאן מיטן וויידל,
און ארויסגערעדט אזוי איידל:
"אויב ניט קיין רב
זאל מיין זינדעלע כאטש זיין א פילאזאף!"
ער האט מיט דער סאווע געמאכט א כתב,
אין פינף יאר מאכן זיין זינדעלע
פאר א פילאזאף.
די פינף יאר האבן זיך ווי אן אייביגקייט
געצויגן,
נאר אט שטייט פארן פאטערס אויגן
א אייזעלע, אויסגעצערט און דאר
און קוקט אויס ווי שמערל נאר.

און הויבט עס אויף דעם קול,
שיטן זיך נארישקייטן פון מויל
ווי גרויפּן פון א געלעכערטן זאק.
דער אפגענארטער פויער האט א כאפ געטאן א האק,
גערדרייט מיט איר ארויף, אראפּ –
ער מוז פלעטן דעם שווינדלער דעם קאפּ.
די סאווע האט פארביסן א ליפּ:
דער ברונעם איז איבערפולט פון וואסער,
נאר דער דנא פון העמער איז צעלעכערט
ווי א זיפּ!...

יונג און אלט

– אוי, א קלאג צו מיינע יארן,
וואס פון מיר איז געווארן! –
האט א פארדארט גרעזעלע צו א פרישינקס
געטאן א זאג.
– מיין סוף –
א פארדינטע שטראף!
איצט וואלט איך צום בורא זיך בוקן,
בין איך אבער טרוקן,
און כ'האב מורא כ'זאל אויף צוויין
זיך ניט איבערברעכן.
בארעכן
זיך, מיין קינד!
ס'איז א גרויסע זינד
זיך לאזן גלעטן פון ווינט!
טראכט פונעם סוף,
פון דער גרויסער שטראף!
– גענוג מיט דיינע משלים
פון הבל הבלים!
איך האב נאך צייט
צו ווערן א לייט.
גוט איז דערווייל א חיה שעה.
און ווען איך וועל ווערן אלט ווי דו –
און מ'וועט מיין קבר גראבן,
וועל איך מסתמא אזיך חרטה האבן.
דערווייל בין איך יונג און פריש,
און געגרייט איז פאר מיר א רייכער טיש!...

אייזלען

– די סאוועאיז פון חכמה איבערפילט,
ווי א טייכל וואס האט זיך נאכן ווינטער
צעשפילט.
דער פוקס איז אייביק קלוג,
מיט זיין חכמה קאן מען אנפילן א גאנצן קרוג.
נאר זייער חכמה בויערן
מיר, אייזעל, מיינע אויערן –
מיט דעם זאג אליין בין איך שוין קלוג!
און איך זאג:
מיר זאלן ווערן אפגעהיט מיטן מויל,
און ניט הירזשען אזוי אויפן קול;
נאר גאנצענע טעג טראכטן,
און אין די אויפדערנאכטן
איבערגעבן מיט געזאנגען
אונדזערע טאג טעגלעכע געדאנקען.
אמת, מיר וועלן א גאנצן טאג זיין שטום –
נאר אזוי ארום –
איך מעג אפנהארציק זאגן –
וועלן מיר אין א קורצער צייט דעם פוקס
און סאווע אין חכמה איבעריאגן!
עס איז א וועק א טאג און א טאג –
און אוי, א קלאג!
געשטאנען זיינען די אייזלען פאר
א גרויסער געפאר,
זיינען זיי, ווי יעדער נאר
געלאפן צום פוקס און צו דער סאווע פאר
אן עצה,
און געגלעט מיט גרויס געבעט יעדן איינעם
איבער דער פלייצע...

צווישן סוחרים

פארן שניט־קרעמער צווײ אויפן יאריד,
זיצט אויף דער פור א ייד לעבן א ייד.
הויבט מען אן צו ריידן
ווי מ'ווערט א וועלט באקליידן:
– מײַן שעוויאט – גלעט א ייד זיך די בארד –
איז פון ערשטן סארט!
עס קאסט מיר אליין, בנאמנות,
צווײ גילדן א ארשין, און דאס מיט רחמנות.
און מיט מײַן שטיקעלע ציץ –
וועל איך פארפארן נאשפיץ!
דאס אויג צעפראלט זיך,
דאס פנים צעשטראלט זיך –
ס'זאל מיר נאר באגליקן
מ'זאל מיך צו דער וואנט ניט צודריקן...
נו, וואס זאגט איר, רעב ייד? –
האט דער סוחר אויסגעזונגען דעם לעצטן פערז
פון מקח־וממכר ליד.
– בע, מע! – האט דער צווייטער סוחר
אריינגעלייגט די שפיץ בארד אין מויל –
אייער שעוויאט איז שווארץ ווי קויל.
איך וויל ניט צעשטערן אייך אייער פרייד,
נאר איך זאג אייך: עס פאסט ניט
פאר א ווייבעריש קלייד!
און מיט אייער ציץ
וועט איר אויך ניט א פאר טאן נאשפיץ –
ער האט נאך א גרעסערן חסרון,
און עס איז ארויסגעווארפן אייער פארן:

די בלימעלעך זיינען צו גרין,
און די סחורה אליין איז ווי שפינוועב דין".
– פון אייער שווארצער נבואה לאך איך זיך אויס!
איך וויל אייך זאגן בלויז,
איך האב געלערנט א גוט שטיקל תורה:
מ'זאל פון א אנדער סוחר ניט זוכן מבינות
אויף אייגענער סחורה...

די שווערע נסיעה

ליגט א יידישער בריוו ביים בריווטרעגער
אין זאק
צווישן א פאק
בריוו און פארשידענע זשורנאלן.
– איך וועל ווערן דא פארפאלן
צווישן אזוי פיל שונאי ישראל –
קרעכצט דער יידישער בריוו אויף א קול –
אזא פעסט!
וואס וויל פון מיר דער "רידערס דיידזשעסט?
שטויסט מיר אין דער זייט,
ניין, ער זוכט ניט קיין"פייט",
ער וויל נאר
כ'זאל לייענען די "סטאריע" " מוירדער
אן עווערי פלאר",
אדער דעם ראמאנס "לאוו
איז ענאף",
און בלויז
ארויסזאגן מיין מבינות.
און דא דארף איך נאך שעהן לאנג
הערן נאר איין קלאנג:
"טו האנדרעט ענד פיפטי"
"וואן האנדרעט ענד סיקסטי"
פעי טא דע ארדער אף מיסטער עקס".
אוי, די טשעקס,
זיי דערגיין מיר די יארן!
און איך דארף ערשט פארן
אויפן יאריד,
ווי איז מיר, יידיש ליד!...

כפרות

דריט רעב שואל א ווייסן האן איבערן קאפ
און זאג יעדעס ווארט מיטן טראפ"
" זה חליפתי,
זה תמורתי,
זה כפרתי!"
און דער תרנגול
רייסט זיך אויפן קול"
– קוקורעקו! –
ווער איז קוצעניו־מוצעניו
מיטן שכנס ווייבל,
איך צי דו?
איך וועל די פאלשע מאסקע פון דיר אראפרייסן,
און פאר דער וועלט דיין אמתען פרצוף ווייזן.
קוקורעקו!
ווער האט געזינדיקט, איך צי דו?
און רעב שואל:
" זה התרנגול
ילך למיתה –
און עס וועט פון אים זיין א זופ א זיסע.
ואני אכנס ואלך –
איך וועל פארפאסטן ווי א מלך –
לחיים טובים ארוכים ולשלום!
אוי, טאטע זיסער! זיי מיר פותר חלום:
מצאתי כופר!
און ביים הערן דעם קול שופר,
און דעם "מן המצר קראתי" –

זאלסטו דיין אויער ניט פארהוילן לרוחתי
ולשועתי!
אב ארחמים,
פארשרייב: לחיים טובים!
און דער תרנגול
רייסט זיך אלץ אויפן קול:
קוקורעקו! –
ווער האט געזינדיקט, איך צי דו?
גיסט אלץ נאך דעם יצר־הרע
און איך דארף זיין דיין כפרה!...

ליכט און סימבאל

– צו מיר דאַרף מען דינען מיט גרויס כוונה,
איך בין דער סימבאָל פון דער לבנה!
וואָס איז דאָ צו רעדן אַ סך,
איך וואָרצל טיף אינעם תנ"ך.
אין שופטים, שמואל ווערט שוין דערציילט,
ווי די יידן האָבן מיך פאַר זייער געטין
אויסדערוויילט,
און מיך געמאָלן
אין לייכטנדע שטראַלן!
(האָט "עשתרות", "די־קעניגין פון הימל"
גענומען וועקן די וועלט פון איר דרימל...)
– וואָס קומט אַרויס דערפון?
(אָנגערופן האָט זיך די זון)
אַז זאָל איך נאָר אין מערב פאַרגיין,
וועסטו, "עשתרות קרניים",
צוזאַמענגאָסן ווערן מיטן חושך מצרים.
פון דיר אַליין, בכלל,
לייכט ניט אַרויס דער מינדסטער שטראַל!...

שווער צו זיין א קאץ...

א מצוה האט מען פון אויבן צוגעשיקט דער קאץ.
מ'פארפאסט איצט ביי רעב בערעלע ש"ץ.
דאס גאנצע בני־בית זיצט ארום דעם געדעקטן טיש,
און מ'קוויקט זיך מיטן געשמאקן שטיקל פיש.
– איר דארפט ניט פארגעסן
אז ערב יום כפור איז א מצוה צו עסן,
ווי מארגן, אי"ה דאס פאסטן,
טא, זייט ניט פויל
און לייגט וואס מער אין מויל,
אז ווערן פול זאל דער קאסטן...
(רעדט רעב בערעלע און דערפילט ווי דאס
קעצעלע רייבט זיך פאר זיינע פיס.
ווארפט ער דעם צו א שטיקעלע פיש,
און נאך ברכת־המזון – אלע שריים.)
– א מצוה מקיים
זיין קומט ניט אן אזוי גרינג,
מ'דארף זיין צו דעם זייער פלינק....
(איז די קאץ ארויס אויפן הויף,
אנגעגאסן מיט זיסן שלאף.
האט א קוק געטאן ארויף צום הימל:)
– איך האב זיך כשר פארדינט א דרימל!...

ציג-צאפ...

– די מינוט זאלסטו מיר פון דעכל אראפ!
(צעשריגן האט די ציג זיך אויפן צאפ.)
עס פרעסט דעם סכך
און מורמלט דארט עפעס אויף א פרעמדער שפראך.
אראפ,
אלטער צאפ!
– נו, נו, חצופה!
איך ווייס וואס איך טו.
מעגסט מיר גלויבן אויפן ווארט!
(און דער צאפ האט א גלעט געטאן זיך די בארד.)
די סוכה וואלט געווען כשר למדרין מין המדרין,
ווען דער באלעבאס וואלט ניט פארזעען א דין:
דער סכך איז צו געדיכט
און ליגט א שיכט אויף א שיכט.
אזוי, אז לויט רבינו תם,
האט די סוכה א גרויסן פגם!
– זאל שוין נעמען א סוף!
גאטס גנב!
עס פרעסט און פרעסט, אזא זולל וסובא,
און טוט נאך דערמיט דער וועלט א טובה!...
(דער צאפ
איז פון דער סוכה אראפ
און א ברוגזער זיך אפגעטראגן.)
– ער מיינט, איך וועל זיך נאך אים נאכיאגן!
(מיט די ווערטער איז די ציג אויף דער
סוכה ארויף.)

– מיין מאן איז טאקע א גאנצער רב!
דער סכך איז טאקע צו געדיכט!
(און די ציג האט גענומען טאן איר פליכט...)

די בראווע פלוי

פארזינדיקט האט זיך די פלוי פארן מלך
פון אלע חיות,
און די שטראף האט באדארפט זיין זייער גרויס.
איז א לייב אבער ניט עפעס א הונט,
האט ער אויסגעמוסרט די פלוי:
אזוי און אזוי!
און איר אפגעלאזן מיט א "זייי געזונט!"
– איך בין אויך א סלחן ווי דו,
און בין גרייט מוחל זיין צו יעדער שעה,
נאר איך בין צו קיינעם ניט אונטערטעניק,
אפילו ניט צו א קעניג!
–אזוי!
(איז דער לייב פארפארן דער פלוי
מיט דער לאפע)
שקאפע!
א פליג אויף דער וואנט
וואס וויל לעבן,
מוז פארגעבן,
ווייל זי קאן ניט הייבן
א האנט!...

רבות מחשבות...

לויפט רעב עליע זוכן א שליטן, א וואגן,
און קאן שוין די פיס מער ניט דערטראגן.
די רגלים ווי קלעצער צוויי,
און דריי ארשין טיף דער שניי.
נאר זע,
גאטס חסד האט זיך נאך ניט אפגעטאן:
אויף א שליטן, אויבן אן
זיצט טראכים, דער גוטער שכן,
און אין א פראסטן מיטנוואכן
מאכט ער א לחיים.
-נאר מן השמים!
(טראכט רעב עליע
און קוקט מיט דאנק ארויף
צו דער וועלטס סטעליע...)
קיין בעסערס האט מיר ניט געקאנט זיין
באשערט:
ווייט און ברייט זיינען בארימט טראכימס
פערד.
אדלערס צוויי!
יאגט זיך שליטן איבער שניי -
און אײדער וואס־ווען -
האט דיין אויג דעם יאריד שוין דערזען.
היינט טראכים, א שטיק דימאנט!
וויפיל מ'רוקט אים אין האנט
ארייז איז גוט.
ער פארצאפט ניט ווי אנדערע דאס בלוט.

ווי איך בין א ייד,
איך וועל שוין זיין אויפן יאריד!
און אויפן שליטן זיצט טראכים און טראכט:
אזא פינסטערע און קאלטע נאכט!
נישטא
קיין פור אויף א רפועה,
און רעב עליע איז פיטש-נאס,
אוי, וועל איך רייסן פון אים א פאס!...

קאַלטס און וואַרעמס...

איבער די אויגן א האַנט ווי א דעכל,
אויף די ליפּן – א זיסער שמייכל,
שפּאַציר דער פּאַבוליסט אין בראָנקסער "זו"
און הערט זיך צו די חיות צו.
איר מעגט אויך זיך צוהערן,
קיינער וועט אייך, חלילה ניט שטערן.
– ווי געפעלט דיר א קעלט?!
דער ווינטער האָט זיך שוין אוועקגעשטעלט
און וועט שוין שטיין און שטיין!
כ'האָב א סך ווינטערן שוין געזען,
נאָר אַזאַ! די זון איז דאָך קאַלט ווי אייז!
אַט האָסטו דיר א גוטן באַווייז:
איך ציטער
ווי געשמיסן פון א געוויטער,
ס'איז דאָך מיר אָפּגעפרוירן שוין דאָס נעזל!
(באַקלאָגט האָט זיך דאָס אייזל.)
– וואָס רעדסטו גאָר פון קעלט,
ס'איז דאָך א לעבעדיקע וועלט!
א היץ!
זעסט ניט ווי איך שוויץ,
ווי איך גיי אָפּ מיטן שווייס!
(האָט דער ביבער א בורטשע געטאָן בייז.)
די זון באַקט דאָך ווי אין תמוז!
–נו, דאַרף מען ציען א שלוס,

(צעלאכט האט זיך דער וועכטער.)
אז איר זענטביידע אויף א געלעכטער.
יעדן גיט גאט די קליידער
לויט דער קעלט,
נאר איר זענט אן אויסנאם אינעם סדר
פון דער וועלט.
לייט,
וואס פאסן זיך ניט אריין אין דער זעלבער
צייט....

די "תיו" וואס גראמט זיך מיט "שלאף"

כאפט זיך אויף די "תיו"
פון שלאף,
זי שטייט ניט מער צום סוף,
נאר גאר אינמיטן –
צווישן דער "גימל" און "יוד" פון "גתין",
(פון ווארט "גט".)
און ווערט געגלעט
פון א תלישה גדולה.
–איך ווער נתעלה!
צווישן"גימל" און "יוד" – די "תיו"!
מסתמא בקבלה פון א גרויסן רב!
און אפשר איז דאס פון די "שגיאות מי יבין"?
ניט א "תיו", נאר א "טית" קומט אין"גטין".
דאס טשעפעט זיך אזוי צו מיר דער "גימל",
שפארט זיך אן אין מיר ווי אין ארימל;
און דער "יוד"
שלעפט מיך אין באד.
ס'איז שוין בעסער צו זיין צום סוף!
שלאף זיך, "תיו", שלאף!
תם ונשלם
שבח לאל בורא עולם!
און טאמער ערגערט דיך אמאל די "שין",
זשומעט דיר אין אויער ווי א בין –
לערנט די "תיו"
מיט איר דעם טראף:
פתח "בית"– בא!
פתח "שין" – שא!...

גראז און בוים

באלד נאכן רעגן
האט א גרעזעלע ארויסגעשטעקט דאס קעפעלע
פון דער ערד
און פארקלערט
גענומען בײַ די בוימער פרעגן:
– איך האב ניט קײן באגריף
ווי לאנג עס נעמט צו ווערן גרויס און מאסיוו:
א שעה, א טאג, צי גאר א גאנצע וואך? –
און דאס גרעזעלע האט ארויסגעלאזן א טיפן "אך!"
– ס'איז ניט אזוי פשוט די זאך!
האט אן אלטער בוים געטאן א לאך –
ס'נעמט יארן לאנג, גאנצע דורות,
און דערווײַל שטייט מען זיך אוים
גענוג צרות.
דאס רעד איך, פארשטייט זיך, לאמר:
פון אונדז, בוימער.
איר, גרעזעלעך, מעגט אין דער פאנטאזיע
ווי הויך זיך טראגן,
וועט איר צו גארנישט זיך דערשלאגן.
צוביסלעך וועט איר ווערן פארדארט,
און אין א שטורעמדיקער נאכט
פון ווינטן פארטראגן!...

דער בראַווער הירש

רעב צבי־הירש, דער שפּרינגער פון וואַלד
האָט פאַרפאַסט אַ חיבור:
" ווי אַריבערשפּרינגען גריבער".
דער ספר עפענט זיך מיט אַ פּראָלאָג
און שליסט זיך מיט אַן עפּילאָג,
און איז איינגעטיילט אין צען "דירות",
לויט דעם האַרי הקדוש "עשר ספירות".
דאָס ערשטע קאַפּיטל איז איינס אין צווייִ:
"גדולה־גבורה",
וואָס ער קומט אָפּ מיט איין שורה.
דאָס דריטע קאַפּיטל איז "תפארת",
"לערנען מיר אָפּ דערפון
אַז שיינקייט שיינט ווי די זון".
דאָס פערטע און פינפטע קאַפּיטל, "נצח־הוד",
גיסן זיך צונויף מיט "יסוד",
און פירן צום ערשטן טראַט...
איצט קומט "מלכות", דער לויתן־צונג,
וואָס צעשפּרייט די פיר פיס פון הירש
אין איין גרויסן שפּרונג.
־נו, און דו אַליין האָסט שוין אַריבער
געשפּרונגען אַ גרוב?
־ איך, ווען? אַז איך בין כל ימי
צוליב דעם ספר געזעסן אין שטוב!...

דער פארשיימטער זינגער

די שרייב־מאשין, צוויי מאל מיטן אלף־בית,
איינער קליין, דער אנדערער גרויס,
מיט ציפערן פון איינס ביז נול,
און פינטעלעך און פאסיקלעך אן א צאל –
איז אפגעגאנגען מיטן שווייס,
פון די שטארקע קלעפ פון שרייבערס פינגער.
ער וויל, די מאשין זאל אים מאכן פאר א זינגער,
גרויס
ווי דער "נאים זמירות".
נאר ווי מעשה שטן
איז דער מאשין ניט געראטן
די נשמה אין מענטשן רעגן און וועקן,
ארויסרופן א ציטער פאר די ערדישע שרעקן,
נאר ווערטער, אן א סדר זיך געגאנגען,
אן סדר, אן טאלק, אן ריטמישע קלאנגען,
און ס'איז ארויס ניט דאס,
נאר דער רוח ווייסט וואס...
קומט מיט א טענה דער שרייבער צו דער מאשין:
– וואו איז שכל, וואו איז זין?
מיין הארץ ווי מיט צוואנגען קלעמען,
אזוי ביטער פארשעמען!
–איך בין –
פארענטפערט האט זיך די מאשין –
דער שליח וואס פירט אויס דעם שרייבערס
ווילן,
נאר וואס קאן איך טאן ווען ס'פעלט אים
הארץ און געפילן?...

די קו

געפונען האט די קו א שימה

און גענומען לייענען: אדם ובהמה

תושיע אדושם.

ס'האט איר ביים הארצן געטאן א קלעם:

אזא פאלשער פארגלייך!

ווי "ארים" צו "רייך"!

איך גיב מיין מילך, פלייש, מיינע קינדער,

און דער מענטש נעמט ווי א בלינדער.

נאר ער אליין

וועט אפילו א עניין ניט געבן

אומזיסט צו פארשטיין.

ער האט איין כלל:

פאר אלץ באצאל!

– נארישע בהמה!

(אנגערופן האט זיך די שימה.)

גיסט מילך אומזיסט, כי לכך נוצרת!

דארפסט נאך זאגן "ברוך אתה!"

אויך דעם מענטשנס דאנק איז גרויס

צום מלך מהלל בתשבחות!....

דער לייב און די פליג

פוסט און פאס האט דער לייב זיך געשלייכט
איבערן וואלד.
באלד
זיינען אלע חיות זיך צעלאפן אין די נארעס,
ווי זיי וואלטן מורא האבן פאר כרת,
פאר פארקירצטע יארן.
– וואס פאר א שטילקייט איז אין וואלד געווארן!
(האט דער לייב זיך געקלערט.)
שלעכט!
מ'האט פאר מיר מורא!
נאר ווער האט זיי געלערנט אזא תורה,
פאר מיר זיך שרעקן?!
גיי איך דען ארום מיט א שטעקן,
און אט וועל איך אים אויף יענעמס רוקן
צעברעכן!
(ער האט אויפגעהאנגען א ווייס העמד
אויף א דראנג, א צייכן
אז ער איז ווייט פון קריג.
באלד האט זיך באוויזן די פליג,
און איז אריין דעם לייב אין א אויער,
ווי דורך אן אפענעם טויער.
דער לייב האט געלאכט,
כאטש דער זשום־זשום אין אויער האט אים
שיעור ניט משוגע געמאכט.
האט די פליג זיך באלד
א לאז געטאן איבערן וואלד.

צעטראָגן די נייעס
צעווישן די חיות:
ער אַליין, דער קעניג
האָט זיך געשפּילט מיט דער פליג.
זאָל מען ניט מורא האָבן פאַרן מלך,
ער איז היינט אויסערגעוויינלעך פריילעך!
האָבן חיות אונטערוועגנס זיך געשאַרט,
טאָמער האָט די פליג זיי אָפּגענאַרט.
נאָר ווען דער לייב האָט יעדן איינעם
צוגעוואָרפן אַ גוט וואָרט,
האָט יעדע חיה זיך גערירט פון איר אָרט.
– ניט שיין,
מיין קעניג!
(אָנגערופן האָט זיך די פליג.)
אַ מלך זאָל מאַכן זיך אַזוי קליין!
און ווערן מיט יעדן איינעם אַ פּאַני־בראַט!
– ביסט דער אמתער יאָט,
שטום!
(האָט דער לייב געטאָן אַ ברום)
העפלעכקייט
מינערט קיינמאָל דעם לייבס גרויסקייט!....

דער בארג און די מויז

– איך קען דיך ניט פארשטיין!
וואס האלסטו זיך אזוי קליין?
ביסט דאך אזוי גרויס!
(גערעדט צום בארג האט די מויז.)
און לאזט די מאוסע ווערים
זיך מאכן א דירה אין דיינע געדערעם.
איך, אויף דיין ארט
וואלט ניט גערעדט קיין ווארט,
נאר וואלט פאר כעס געווארן אזש רויט,
און צעדריקט די ווערעם אויף טויט!
– קאנסט מיך ניט פארשטיין,
ווייל דו ביסט קליין...
ביי מיר, גרויסקייט און חשיבות
גראמט זיך מיט עניוות...

חיה־מענטש

ניט נאר אין אוואַיעס
טוען די חיות
נאָך דעם מענטשן,
נאר אויך אין בענטשן,
שעלטן
און איבערקערן וועלטן.
האבן אויך חיות זיך צעטיילט אויף לינקס
און רעכטס.
איינע בייסט,
צערייסט –
די אנדערע קרעכצט.
גיט איינע דער צווייטער א פריינדליכן טאַרע,
צעממתט מען איר און מ׳צעשטערט איר נאָרע.
ליגן פארבלוטיקטע חיות אויסגעצויגן
מיט פארגלייזטע אויגן,
און באלד, באלד
ווערט מען אין וואלד
ניט געפינען א חיה אויף א רפואה –
ניט זיין זאל די שעה!
זיצט די סאָווע אויף א צווייג פון בוים,
קוט אין רוים
און גיט א קרעכץ נאָך א קרעכץ:
אין קאמף פון לינקס און רעכטס,
פארגעסן האבן אלע
אינעם מטה־מעלה!...

פאמאדע און פלאסטער

שפעט ביינאכט
האט דער אפטייקער זיין קרעמעל פארמאכט,
די טירן גוט פארשלאסן,
און גענומען שפאנען איבער די גאסן.
— א טאג — א יאר!
פון קאיאר,
פון גאנת פרי
געארבעט ווי אן עבד כנני.
אכצן שעה
און קיין מינוט רו.
טפוי!
(ער האט געגעבן דעם שליסל פון הויז א טאפ,
אן אראפגעווארפן די אפטייק פון קאפ.
און דארט, אין דער אפטייק —
א געיעג,
א געלויף
אראפ, ארויף —
שאכטעלעך און סלויעקלעך טענהן זיך אוים:
— וואס ביסטו ביי זיך אזוי גרוים?
האט די העכסטע פאליצע פארכאפט!
באשר, וואס,
מ'שטופט אים אין דער נאז
ווען זי ווערט פארשטאפט.
(געחוזקט האט די פאמאדע.)
אוודאי

איז "מענטאַל" און "ווריקס",
איקס, מיקס, דריקס,
יחסנים אין אַ רעגנדיקן טאָג,
אָבער ווער פאַרקויפט זיך מער אין וואָג
דאָס קיילעכדיקע יאָר!
וואו "ליפּסטיק" – איך אַ פּאָר!
און וואָס זאָגט איר צום פּלאַסטער,
ער ליידיקט דאָך אויס יעדן טייסטער!...
אַ גראַשן אַ שמיר!...
– איך? – איך היילּ אויס אַ געשוויר!....

ראד און זייף

– איך וויל דיר עפעס זאגן –

(האט די ראד פון וואגן

זיך אויסגעדרייט צום שטיקל זייף.)

–פלאנטער מיר אויף דעם שלייף:

די דינסט האלט דיך אין האנט,

רייבט מיט דיר דאס שטיקל געוואנט

און מורמלט: א טייער שטיקל זייף!

און וואס מכוח דער רייף?

איך רייב אויך – די ערד,

ווען דאס פערד

שלעפט דעם וואגן,

נאר איך האב קיינמאל ניט געהערט זאגן,

" אוי, איז דאס א טייערע ראד"!

אפשר ווייסטו דעם סוד?

– איך וועל דיר אויפפלאנטערן דעם שלייף –

(געענטפערט האט דאס שטיקל זייף.)

און זאלסט זיך עס אין קאפ פארשרייבן,

עס גייט ניט אינעם רייבן!

דו רייבסט דווקא שטארק, א שרעק!

און צערייבסט אלץ וואס קומט דיר אין וועג,

איך רייב לייכט און נעם ארויס דעם פלעק...

דער בראַווער האַז...

צוויי בערן האָבן איבער עפּעס זיך צעשלאָגן –
איינציקע זאָגן
אַז איבער אַ פּרוי,
זאָל זיין אַזוי! –
אַז ס'איז געגאַנגען אַזש אַ רויך.
ווער ס'האָט מער כּוח
איז שווער צו זאָגן,
ביידע קאָנען זיך גוט שלאָגן.
שטייט אַ האָז דערביי
און שפּרינגט אַזש אונטער: אַי, אַי,
האָב איך אַ חשק
זיך אַ צעפּיר טאָן די הענט –
נאָר ס'איז ניט מיין עסק,
זאָלן זיי קריכן אויף די גלייכע ווענט
און קיינמאָל ניט קומען צו אַ טאַלק!
(רופט זיך אָפּ איינער פון פאַלק...)
– עס זאָל דיר ניט פאַרדריסן,
נאָר זאָג מיר, וואָס וואָלט געווען
ווען דו זאָלסט זיך שוין יאָ אַריינמישן?...

דער וועלט פארזארגער

– וואלט איך נאר געהאט די מאכט,
וואלט איך לאנג ניט געטראכט,
איך וואלט צעשטערט די מיאוסע וועלט
און א שענערע אויף איר ארט אויפגעשטעלט.
ווי קאן מען גאר לעבן,
אז יעדע חיה וויל נאר נעמען און גארניט
געבן? –
(האט דער טיגער געמאכט א געוואלד,
וואס האט זיך צעטראגן איבערן גאנצן וואלד.)
ראשית, וואלט איך יעדער איינער
חיה אויסגעהאקט די ציינער,
והשנית, די נעגל ביז צום פלייש אפגעשניטן,
מיט דעם וואלט איך בלויז פארגיסונג אויסגעמיטן –
נישקשה, זאלן חיות עסן גראז!
מ׳וועט א דריי טאן מיט דער נאז,
נאר באין ברירה
וועט מען ניט באגיין קיין עבירה!
– און וואס מכוח דיר?
(האט דער האז געטאן א פרעג ביים טיגער
מיט א לייכטן באריר.)
מיט דיינע ציינער און נעגל?
– מיט מיינע ציינער? –
מיט וואס וועל איך צעברעכן דעם קרבן די ביינער?
איך זאל אפשניידן זיך די נעגל! –
ווילסט איך זאל אפקומען מיין מאגן
מיט א לאך פון א בייגל?...

נאכט

מיט אנגעשפּיצטע אויערן, ווי א טויבער
שלייכט זיך א רויבער
איבער ביינאַכטיקע פאַרלאָזענע געסלעך.
זיין פּנים איז פאַרקרומט, העסלעך,
און זיין שאַרפער בליק
וואַנדערט הין און צוריק.
— אכט!
פאַר דער שוואַרצער נאַכט!
מורמלען זיינע ליפּן שטיל,
און ער גיט זיך מיטן פּיסטל א שפּיל.

אין א שפּיטאַל, דערנעבן,
מיט א שוואַכן פונק פון לעבן,
איינזאַם, פאַרלאָזן,
ליגט א חולה מיט ליפּן געשלאָסן.
און מיט געדאַנקען פול פון שרעקן,
טוט ער דעם פרימאַרגן וועקן:
אך! דו, שוואַרצע נאַכט!
ווער האָט דיך אויסגעטראַכט?!

דער נאר...

א גאנצע נאכט
האבן די חיות
אין לצנות
און אין ניבל פה
פארבראכט.
פע!
ווי דאס האט געשלאגן צו דער גאל.
ווי דער גערוך פון א שטאל
אין א הייסן טאג
ווען דאס ווינטעלע גיט זיך דורך די שפארינעס
א יאג.
די ווייסע פיר ווענט
האבן פאר בושה דאס פנים זיך פארשטעלט.
נאר דער עולם האט געקוועלט,
הנאה געהאט,
פון חוזק און שפאט.
– און דו, פוקס, לבן הארמי!
ביזט מסתמא
געווען דער גאנצער כל ולך –
און וואס נאך,
אוודאי אפגעטאקט אויך א גלאטן ליגן!
– איך? – ניין, ווי א אפגעריסענער נאר
האב די גאנצע צייט געשוויגן!...

טייטש-ווערטער און דערקלערונגען

נעריצך – מיר וועלן דיך שטארקן. דער אנהויב פון דער שבתדיקער קדושה צו מוסף, נוסח אשכנז.

אוהלי־קודש – הייליקע געצעלטן.

אוהלי־חול – וואכנדיקע געצעלטן.

מחשבה, דיבור ומעשה – טראכטן פון גאט, לערנען תורה, און מקיים זיין די תר"יג מצוות פון דער תורה.

א דריי־יאריקע כמארע – שאול המלך האט געקיניגט דריי יאר, און די גאנצע צייט האט ער חושד געווען דודן אז יענער וויל ביי אים צונעמען דעם טראן.

שמחתי באומרים לי: בית ד' נלך! – איך פריי מיך, ווען מען זאגט מיר: לאמיר גיין אין גאטס הויז.

צידה־לדרך – שפייז אויפן וועג. אין דעם זין: די מעשים טובים וואס מען גרייט זיך דא אן פאר יענער וועלט.

מכל מלמדי השכלתי – פון אלע מיינע לערער האב איך עפעס געלערנט.

אין שוה להניחם – זיי האבן ניט די ווערט צו לאזן לעבן.

ינוקא – אין אראמעאיש א יונג קינד. אין די קבלה ספרים זענען פאראן מעשיות פון הייליקע קינדער, וועלכע הייסן ינוקא, וואס האבן אנטפלעקט סודות התורה און געזאגט נביאות.

פיקפוק – צווייפל.

חדר־מתקן – א רעפארמירטער חדר.

מילי־מעליתא – דערהויבענע רייד.

חוט־המשולש – דרייפאכיקער פאדעם.

תכשיטין – צירונג.

והוצאתי – איך וועל ארויסנעמען. איך וועל אייך ארויסנעמען פון אונטער דעם שווערן יאך, וואס האט אויף אייך געדריקט אין מצרים.

וגאלתי – איך וועל אויסלייזן. איך וועל אייך אויסלייזן פון מצרים מיט כוח און שטארקייט, וועלן אלע פעלקער זעען ווי געליבט איר זענט פון גאט, און אייער נאמען וועט גרויס ווערן אויף דער וועלט.

והצלתי – איך וועל אייך ארויסראטעווען פון אייער קנעכטשאפט.

ולקחתי – און איך וועל נעמען. איך וועל אייך נעמען צו מיר פאר א פאלק, און איך וועל זיין אייער גאט, וועלן אייערע נשמות קענען באהעפט ווערן צו מיר.

די פירערליי הילף, מיט וואס די יידן
זיינען געהאלפן געווארן ווערן איינגעטיילט
אויף צוויין: מיט צוויי הילפן איז געהאלפן
געווארן דעם יידנס גוף, און מיט צוויי
הילף - זיין נשמה.

התורה נדרשת במ"ט פנים - די תורה
ווערט געדרשנט מיט 49 באדיישונגען.

קטיגור - אנקלאגער.

סניגור - פארטיידיקער.

הזרוע והלחיים - דער ארעם און די באקן.
די טיילן פליש פון קרבן האבן געהערט צום
כהן.

מצאתי כופר - איך האב געפונען אויסלייז.

יערות-דבש - האניק-וועלדער.

עזרת-נשים - פרויען אפטיילונג אין קלויז.

אינהאַלט

מיט זיין ווילן

צו מיין ליד.......................7
דער בעסטער געשאַנק..............10
דו-דו־דו!.........................11
עס טרעפט אַמאָל...................12
אַ נאַכט אין צפת...................13
צידה-לדרך.........................16
מכל מלמדי.........................17
איך גיי אַרום ווי צומישט...........19
מיין איינציקער....................21
יידיש אות.........................22
משפחה־אַלבום.....................23
באַנייאונג.........................28
דער בעש"ט זאָגט...................29
דער חוט־המשולש...................31
שכל און געפיל.....................33
דער שפיץ באַרג....................34
לשון־קודש־יידיש..................35
נצח ישראל.........................36
אַ שלעכטער שכן....................37
מיין שכר..........................38
די גליקלעכע שעה...................39
דאָס ליד פון גוג און ישראל.........40
די הבטחות פיר.....................42
איך, נאַר!.........................43

דער ערשטער שריט.......................44
מיט אן אויסנאם........................45
א געבעט...............................47
א תפילה...............................48
דער בן מלך............................49
בפחון.................................53
האסט מיך ווער געזוכט?.................54

מיט די אייגענע כוחות

מוז־קרבן..............................62
עס קאן ניט זיין.......................65
נעקסט קעיס!...........................66
שווארצע פענער.........................67
פארקערט...............................67
וואס צו...............................68
די מעשה איז אזוי......................69
פון געוואוינהייט......................70
אוי־וויי!.............................71
קרוין און קרוין.......................72
עלטער.................................73
איך שעפ...............................74
וויסט און ליידיק......................75
עפילאג?...............................78
פתרון־חלום............................79
פארדראס...............................80

פרעמדס-אייגנס

וואלטער........................82
יהודהס היליקע אדעס..............84
די דיכטער פון פארצייטן...........85
א היים אן א תנ"ך................86
צו רוסלאנד......................87
דאס ליד און פראכט פון דער וועל........"
רזין־דרזין.......................88
א אדע צו דר. ווילִיאם הארווי...........89
דיסציפּילין.........................."
ברידער.............................."
דער תנ"ך פון דער מענטשהייט...........89
ביבליאמאניע.......................92
מארגן!...........................93
שטראלנדע מחנות שרפים.............94
צום אלמעכטיקן.....................95
ארימקייט..........................96
דער קבר...........................97
אויפשריפט פאר דער שטאט פון בראנז......98
דער גארטן.........................103
ליבע.................................."
אומשטערבלעכקייט...................104
געדאנק............................106
נאכ־זעאונגען.......................109

פאבלען

אדם ובהמה.........................115
דער אפגעגנארטער בער...............117

דאס פערד.......................... 118
כוח.............................. 120
א מעשה מיט א רב.................. 121
אייזל־קאפ........................ 123
יונג און אלט..................... 125
אייזלן........................... 126
צווישן סוחרים.................... 127
די שווערע נסיעה.................. 129
כפרות............................ 130
ליכט און סימבאל.................. 132
שווער צו זיין א קאץ.............. 133
ציג־צאפ.......................... 134
די בראווע פלוי................... 136
רבות מחשבות...................... 137
קאלטס און װארעמס................ 139
די "תיו" וואס גראמט זיך מיט"שלאף"... 141
גראז און בוים.................... 142
דער בראווער הירש................. 143
דער פארשעמטער זינגער............. 144
די קו............................ 145
דער לייב און די פליג............. 146
דער בארג און די מויז............. 148
חיה־מענטש........................ 149
פאמאדע און פלאסטער............... 150
ראד און זייף..................... 152
נאכט............................. 156
טייטש־ווערטער און דערקלערונגען..... 157

J. Jerusalimsky